פינצעסער יארנאל

№ 35 Nakład opłacony... Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשן. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 281.

Piątek 28 sierpnia 1936 | ליכט-צינדען 6.20 | פרייטאג פ' תצא י' אלול תרצ"ו

11

וי שווערער די צייטן, וואס פעראַנט-וואָרטליכערע און ענערגישערע פאַר-שטעהער דאַרף מען האבען — אַזעלכע געפינען זיך אויף דער ליסטע פון דער

רעמאָקראַטישער גרופּע

№ 13

אלע האנדווערקער און סימפאטיקער שטימען זונטאג דעם 6 טען ווזעשען אויף דער

האנדווערקער=ליסטע

13 — אונזערע קאנדידאטען זענען:

דזיאלאָוויטש דאניעל,
גראנעק ישעיהו,
גאָלדבערג יוסף,
פייגענבלאט מאיר,
בלום מענדיל. — 13

אלע וויעלונער יודען שטימען אויף דער ליסטע פון **נאַציאָנאַלען בלאָק**

וועלכער פעראייניגט: אלגעמיינע ציוניסטען, מזרחי, רעוויזיאניסטען און בעלי-בתים, די ליסטע נר.

1

שבת 4 נמ. אין **אַכראַנאַ=זאַל** קומט פאַר

אַ גרויסע פאַרוואַהל-פערזאַמלונג

אויף וועלכער ס'וועלען אַרויסטרעטען מיט רעדעס:

פרעזעס יונג, דאָזאָר יעקב שאיאָ א.א.

איינגאנג פריי. קומט מאַסענוויין

וויעלונ!

שוין געעפענט דאס לאַנג=ערוואַרטעטע

פּערפומעריע = געשעפט

„URODA" Narutowicza № 2.

וואו עס איז פערהאן א גרויסער אויסוואַהל פון **פּערפומעריע** און זעמטליכע גאַלאַנטעריע=קאָסמעטיק=אַרטיקלען.

ביליגע פרייזען — רעיעלע בעהאנדלונג

בעקאנטמאכונג.

דערמיט זענען מיר מודיע, אז ה' **ח. וויינשטאָק**

איז נישט מעהר בעשעפטיגט אין אונזער אונטערנעמונג און פאר די געלד-סומעס, וואס זענען איהם איינגעצאַהלט געוואָרען אויף אונזער רעכנונג נאָכ'ן טאָג פון דער דאָזיגער בעקאנטמאכונג וועלען מיר נישט זיין פער-אנטוואָרטליך.

Lloyd Krajowy

טשענסטאכאוו, פּילסודסקי גאס 39, טעל. 24-66.

טאָג=טעגליך טראנספּאָרטען קיין און פון לאָדז, ווארשא, ווילנא, לעמבערג, ביאליסטאָק, פּויזען און בידגאָשטש.

---

5 נומער 5 קעמפט: 5

פאר א דעמאָקראטיש-וועלטליכער קהלה,
פאר דער יודישער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע,
פאר פּראָדוקטיוויזירען און איבערבויען דאס יודישע לעבען,
געגען קלער און רעאקציע,
געגען שנאת-ציון פון רעכטס און לינקס,
פאר די רעכט פון די יודישע מאסען,
פאר פרייהייט פון סאָציאַליזם!

ברכת מזל-טוב וגדא טבא אנחנו מאחלים לך מר חיים יוסף חנטשינסקי לנשיאת בתך מרת בילה תחי' עם בן גלה מר זלמן שינקרסקי נ"י

תהי דרכם בחיים צלחה לראות מהם דור ישרים

ידידך המתפללים בבית-התפלה דראָספּושע.

Kierownictwo

gimnazjum i szkoły powszechnej Tow. Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych

W CZĘSTOCHOWIE, DĄBROWSKIEGO 7. TEL. 11-58

podaje do wiadomości, że

EGZAMINY WSTĘPNE (w terminie powakacyjnym)

odbędą się w dniach 1 i 2 września rb. (początek o g. 9 rano)

Zgłoszenia przyjmuje codziennie kancelarja między godz. 9—12.

די **העברעאישע פּאָווסעכנע שולע**

פון ח. גרילאַק

בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ 9 נאַ

וועלכע איז אונטער דער לייטונג פון א רוטיגירטען פּעדאַגאָג מאכט בעקאַנט, אַז די עקזאַמענס קומען פאַר פון 1 ביז'ן 3 ווזשעסען.

דאנקזאגונג

אין מיין נאמען און אין נאמען פון מיין פאמיליע דריק איך אויס מיין הארציגסטען דאנק, די ועדים פון „מזרחי", „בע"מ דתיים" און „תורה ועבודה" פאר זייער גרויסען פעראינטערעסירען זיך מיט מיין עולה זיין נאָך ארץ-ישראל, וועלכעס איז צושטאנדע-געקומען כמעט אינגאנצען מיט זייער הילף, און מיהפולע ארבייט, וועלכע האט מיר ערמעגליכט אדורכצופיהרען מיין העכסטע שטרע-בונג צו פאהרען מיט מיין פאמיליע אין הייליגען לאנד.

גאנץ בעזונדער דאנק איך די יודישע קהלה פאַר די אונ-טערשטיצונג פון 150 זל. דורך דער פערמיטלונג פון ה' גאָלדשטיין אויך די חברים ה"ה: שמואל גאָלדשטיין, חיים וועקסלער, ישראל פלאָצקער, יעקב מאיר גרינפעלד, יוסף בלעכשטיין, אברהם דאנ-ציגער, חיים ארי' יונגסטער און אנדערע.

איך ווענד מיך דערמיט צו מיינע חברים אלע רעליגיעזע בעלי-מלאכות מיט דעם הייסען רוף: פערפולט די רייהען פון מזרחי, די אָרגאַניזאציע, וועלכע קומט ענטגעגען א חבר אין זיין פער-לעגענהייט, ספעציעל ווען עס האלט ביי עליי' נאָך ארץ-ישראל.

איך בין זיכער, אז די חברים וועלען פערשטעהן זייער גרויסע אויפגאבע מאַסענווייז זיך פערשרייבען אלס מיטגלידער, און אק-טיוו מיטארבייטען פאַר'ן ערפאָלג פון מזרחי אויף אלע געביטען, —זייט געזונד להתראות בארץ ישראל!

פנחס מיכאלאָוויץ.

---

15 אויף דער ליסטע פון מזרחי נר. 15

פיגורירען די ענערגישסטע היגע בעקאַנטע כלל-מהוער, וועלכע זענען די בעסטע גאַראַנטיע, אַז אלע בעדערפנישען פון היגען יודישען צבור וועלען דורך דער קהלה עהרליך און אויפריכטיג בעזאָרגט ווערען.

שטימט אלע פאַר דער ליסטע פון רעליגיעז=נאַציאָנאַלען יודענטום נר. 15

מאָרגען, שבת 4 נאכם. אין מזרחי=לאָקאַל אלע 10 קומט פאַר

א גרויסע מאַסען=פּערזאַמלונג

געווידמעט די **קהלה=וואַהלען.**

עס וועלען רעדען די ה"ה:

ש. גאָלדשטיין, קאָנסענס, טשענסטאָכאָווסקי.

אלע חברים און סימפּאַטיקער מוזען זיין אנוועזענד.

איינגאנג פריי פאַר וואהל-בערעכטיגטע.

Dyrekcja Gimnazjum i Szkoły Powszechnej Dra Axera

w Częstochowie, ul. Focha 24,

zawiadamia, że egzamina wstępne powakacyjne rozpoczną się WE WTOREK DNIA 1 WRZEŚNIA O GODZINIE 9 RANO.

Zgłoszenia przyjmowane są codziennie w godz. 11—13 i 17—19.

טליתים וואָלענע זיידענע **ט"ק, ציצית, קאַפּלעך**

גאַרטלעך, מחזורים, איבערזעצט אויף פּויליש, סליחות, חומשים, סידורים, מזוזות, ספרים, מדרש רבה מיט עברי-טייטש, עין יעקב'ס מיט ע"ט שול-ביכער העב-רעאישע, פּוילישע א. ד. גל.

פראָנט געוועלב ב. יאָסעלעוויטש 1

Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa

dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska № 8.

podaje do wiadomości, że zapisy trwają.

Zarząd i Kierownictwo

Szkoły Zawodowej Dokształcającej Żeńskiej dla terminatorek

Związku Rzem. Żydów w Częstochowie

zawiadamia, iż zapisy na nowy rok szkolny odbędą się b. r. od dn. 24 sierpnia do dn. 1 września w kancelarji szkoły przy ul. Przemysłowej 10 w godz. 18-20.

Przy zapisie należy przedłożyć: świadectwo szkolne szkoły powszechnej i metrykę urodzenia.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

נעמט אָן איינשרייבונגען אויף קורסען, איינצעלנע לעק-ציעס טעגליך פון 10 פריה ביז 9 אָוונט. יעדען שבת קומען פאָר פּראַקטישע לעקציעס פאַר יודישער נאָזעלשאַפט. אָנהויב 8 אָוונט. ערשטקלאַסיגע מוזיק. לעצטע נייהייטען.

Koedukacyjna Szkoła Powszechna

MGR. T. WAJNBERŻANKI

z prawami szkół państw.

w Częstochowie, I Aleja 8

zawiadamia, że zapisy trwają—codziennie od godz. 9-ej do 13-ej.

Nauki judaistyczne w szerokim zakresie pod kierunkiem prof. B. WAJNBERGA.

Uwaga: Szkoła przyjmuje zapisy DZIEWCZĄT do wszystkich klas.

Pryw. Kursy Dokształcające Gimnazjalne

przyjmuje zapisy kandydatów(ek)

KURS JEDNEJ KLASY TRWA 5 MIESIĘCY.

Przygotowuje się z zakresu wszystkich klas gimnazjum (matury) oraz do egzaminów wstępnych do szkół średnich.

Opłata miesięczna bardzo niska.

Na Kursach uczą dyplomowani profesorowie miejscowych szkół średnich. Nauka w godzinach wieczornych.

Kancelarja czynna codziennie od 11—1 przed poł. i od 3—7 wiecz. Kilińskiego 9 m. 16.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער

פאַמיליע שמולעוויטש

צוליעב'ן טויט פון זייער מוטער

אסתר לאה נ"ע

און דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

אבא פּיליבאָווסקי און פרוי

BIBLIOTEKA „NOWOŚCI"

ALEJA 24 (w podwórzu, parter)

zreorganizowana i powiększona poleca w dużym wyborze ostatnie nowości literackie oraz książki dla młodzieży szkolnej.

Opłata miesięczna b. niska.

זאָל אונזער וואה-געשריי דערהערט ווערן!

מיר לעבען אין א צייט, ווען די ווילדע, חיה'שע אינסטינקטען האבען בעקומען די אויבערהאַנד אין דער גאנ-צער וועלט, ווען ס'רעגירט די פויסט, פאר וועלכער מען האט דרך ארץ, מען בעציהט זיך צו איהר מיט אַכטונג.

אמשטארקסטען ווערען מיר יודען אָבער געשלאָגען פון דער דאָזיגער ברוטאַלער פויסט. נישט בלויז אין די גלות-לענדער, נאָר אויך אין אונזער אלט-ניי לאַנד ווילדעוועט דער מורא-דיגער טעראָר, וועלכער האט זיך אראָב-געלאָזט אויף אונז, ווי א שרעקליכע מגפה און הערט נישט אויף.

נאָך צוויי טויזענד יאהר גלות האָ-בען מיר ענדליך בעקומען די מעגליכ-קייט אויפצוריכטען אונזער אלט-ניי-לאַנד, וואס איז אין משך פון דורות פערוויסט געווארען דורך די דאָרטיגע אראבישע איינוואוינער, און ווען מיר האבען מיט אונזער בלוט און שווייס פערוואַנדעלט וויסטע מדבריות אין פרעכטיגע ישובים, ווען מיר האבען בעוויזען וואונדער, וואס קיין שום פאָלק וואָלט נישט געקענט, זענען געקומען די אונטערגעהעצטע אַראַבישע רוצחים און מאכען חרוב אונזער לאַנד, מאכען אַ תל פון דער אונערמידליכער אָנ-שטרענגונג און דערצו פאלען זיי אָן ווי די ווילדע חיות אויף שוצלאָזע, רו-היגע בירגער.

און ענגלאנד?

אָט די מאנדאטאָר - מאכט, וועלכע האט פייערליך געשוואוירען פאר דער גאנצער וועלט — מיט'ן הסכם פון 52 מלוכות, צו מאכען פון ארץ-ישראל די נאציאָנאַלע היים פאר'ן יודישען פאָלק, האט אויף א שענדליכען אופן איהר וואָרט געבראָכען, איהר אונטערשריפט פערשוועכט. בעת זי האט געקאָנט דעם ערשטען טאָג פון אראבישען אויפ-שטאַנד איהם אונטערדריקען, האט זי נישט נאָר נישט געשטערט, נאָר מיט אַ סאדיסטישער הנאה זיך גאָר רוהיג צו-געקוקט צום דאָזיגען העסליכען שפיעל. ווי אזוי אראבישע רוצחים פאלען אָן אויף אונשולדיגע קינדער און הרגענען זיי אויף א בעסטיאלישען אופן.

מיר קאָנען מצהר נישט אויסהאלטען די דאָזיגע פערשוועכונג פון אונזערע הייליגסטע אידעאלען, מיר קאָנען נישט מעהר שענקען דאס בלוט פון אונזערע אונשולדיגע קרבנות--א סוף מוז נעמען צו דעם דאָזיגען באַרבאַריזם. מען קען מעהר נישט שווייגען, בעת די אראַ-בישע רוצחים בעקומען נאָך מתנות פאָר זייער ווילדע און מענשליכע טהאָ-טען, די יודישע עליה טאָר נישט אָב-געשטעלט ווערען, ס'מוז פערזיכערט ווערען די רוהע און אָרדנונג אין לאַנד, וואס ווערט אויפגעריכט נאָר דורך אונ-זער בלוט און שווייס.

מיר ווילען שרייען הויך, אז די וועלט זאָל אויפציטערען צוליב די עוולות וואס ווערען געגען אונז בעגאנגען און אונזער געשריי וועט ענ-דליך מוזען דערהערט ווערען!

ס.

ווער האָט צובראָכען?

(אַנ'ענטפער דעם ה' מ. רוזשעוויטש.)

אין „טשענסטאכאווער צייטונג" נר. 34 איז אָבגעדרוקט אַנ'אַרטיקעל א. נ. „און דאָך צובראָכען...", אין וועלכען ה' רוזשעוויטש וואַרפט אונז, אלגעמיי-נע ציוניסטען, פאָר דאס צובּרעכען דעם פעראייניגטען ציוניסטישען בלאָק.

איך בין נישט אויסען אריינצולאָזען זיך מיט ה' רוזשעוויטש אין א וכוח וועגען דעם דאָזיגען ענין. אלס איינער אָבער פון די, וועלכע זענען געוועזען טעטיג ביים וועלען שאפען די פער-אייניגונג, מוז איך קאַטעגאָריש אָב-וואַרפען דעם פאָרוואורף פון ה' רו-זשעוויטש, וועמענס אַרטיקעל מאַכט דעם איינדרוק, אז עס האנדעלט זיך איהם נישט וועגען דער זאַך גופא, נאָר ער איז בלויז אויסען אַרויסצופיה-רען אין גאַס פאר די וואַהלען א מין סענסאציע.

דער אמת איז, אז בעת דער לעצ-טער זיצונג פון דער צווישען פאַרטיי-אישער קאָמיסיע האט מיך ה' אינזש. פייגין אַוועקגערופען אין א זייט און ביי א תקיעת כף בעשטימט אויף צו-מאָרגענס מיטאג פערענדיגען דעם בלאָק אָהן די רעוויזיאָניסטען און ארויסשטע-לען דעם ה' אליהו איצקאָוויטש אלס קאנדידאט פון דער יודענשטאאטס-פאַרטיי אויפ'ן דריטען פלאַץ.

מיר, אין א צאָהל פון 4 פערזאָן, האבען געוואַרט העכער 2 שעה און ה' פייגין—איז נישט געקומען.

איך האָב דאַן טעלעפאָניש אָבגע-פרעגט דעם ה' רוזשעוויטש, ער זאָל מיר ערקלערן וואס דאס זאָל בעדיי-טען, האט ער מיר געענטפערט, אז ער וועט זיך קאָמוניקירען מיט ה' פיי-גין און קומען מיט איהם 7 א זייגער.

אויך דאס מאָל האבען זיי נישט בע-וויזען צו קומען.

שטרעבענדיג זיך מיט זיי צו פער-איינינגען, האבען מיר בעפולמעכטיגט דעם ה' וואָלף איצעק צו פערשטענ-דיגען זיך נאָכאמאָל מיט ה' רוזשע-וויטש, וועלכער האט צוגעזאגט צו קומען 10 א זייגער אָוועגד.

אויך אָבער צום דריטען מאָל האבען די דאָזיגע הערין נישט געפינען פאָר נויטיג צו קומען.

צומאָרגענס דערוויסען מיר זיך אין גאַס, אז זיי האבען אינצווישען גע-שלאָסען א בלאָק מיט די רעוויזיאָניס-טען און קאָמבאַטאַנטען און אויפ'ן אָרט פון ה' איצקאָוויטש אליין זיך ארויס-געשטעלט אלס קאנדידאטען.

לכתחילה האבען מיר דערין נישט געקאָנט גלויבען, שפעטער האט זיך דאס אָבער ארויסגעוויזען פאַר א אמת.

פון דעם איז בולט ארויסצודרינגען ווייער אייגענטליכע כונה. זעהענדיג, אז ביי אונז קאָן קאַנדידירען בלויז ה' איצקאָוויטש, זענען זיי געפאלען אויף א המצאה און זיך פון אונז אָב-געריסען.

אלזאָ, ווער, ה' רוזשעוויטש, האט צובראָכען?!

לעאָן קאָפּינסקי.

שטרייק פון מויערער אין טשענ-סטאָכאָוו.

נעכטען איז אין טשענסטאָכאָוו אויס-געבראָכען א שטרייק פון מויערער-אַר-בייטער, וועלכע פערלאַנגען, אז מען זאָל העכערן די לויהנען פון די אַרביי-טער און געהילפען מיט 20 גראָשען אויף אַנ'אַרבייטס-שעה. דער צעך וויל דערווייל נישט נאכקומען די פאָדערונ-גען פון די אַרבייטער און דער שטרייק דויערט. די צאָהל שטרייקענדע בע-טרעפט 800 פערזאָן. דער שטרייק האט א רוהיגען פערלויף. וואַרשיינליך וועט וועגען דעם ענין פאָרקומען א געמיינ-זאַמע קאָנפערענץ אין אַרבייטס אינ-ספעקטאָראַט.

שטרייק אין דער מעטאַל-אינדוסטריע.

מיטוואָך איז אויסגעבראָכען אין א רייה היגע מעטאַל-פאַבריקען א שטרייק פון די אַרבייטער. עס שטרייקען אין דער פאַבריק „סטאַל" 70 אַרבייטער, אין טשורזשינסקי'ס פאַבריק 112, וויינ-בערג — 50, „מעטראָס" — 56, באָרענ-שטיין — 23 און אין זילבערשטיינ'ס פאַבריק 45 אַרבייטער.

פויל'שער סוחרים-פעראיין ווענדעט זיך צום סינאָד וועגען בעזייטיגען יודען פון דעוואציאָנאַל-האַנדעל.

אויסנוצענדיג דעם ביסקופען-צוזאַ-מענפאָהר אין טשענסטאָכאָוו האט דער היגער פוילישער סוחרים-פעראיין זיך געווענדעט צום סינאָד מיט א מעמאָ-ריאַל, אין וועלכען זיי פערלאַנגען אָנ-צונעמען שריט ביי דער רעגירונג, אַז יודען זאָלען נישט טאָרען זיך בעשעפ-טיגען מיט פאַבריקאַציע און האנדעל מיט דעוואציאנאַל סחורות.

דער מעמאָריאַל איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם טשענסטאָכאָווער ביסקופּ, דר. קובינאָ.

פּאַרוואָס איז נישט צושטאַנד געקומען דער ציוניסטישער בלאָק צו די קהלה-וואַהלען?

איידער איך וועל בעהאנדלען דעם ענין, פאַרוואָס ס'איז נישט צושטאנד גע-קומען דער ציוניסטישער בלאָק צו די קהלה-וואַהלען, וועל איך מיר ערלויבען אַרומצורעדען, וועלכער מענש האט רעכט זיך רופען אלס ציוני און וועל-כער ציוני האט רעכט צו פערנעמען פעראַנטוואָרטליכע פאָסטענס און רעפּ-רעזענטירען די דאָזיגע בעוועגונג. לויט מיין מיינונג הייסט א ציוני דער, וועל-כער האט געגעבען געלד אָדער האט מיטגעהאָלפען שאַפען געלד פאָר די ציוניסטישע קרנות, א ציוני הייסט אויך דער, וועלכער ארבייט אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און פּראָ-פּאַגאַנדירט פאָר דער אויפלעבונג און אויפבוי פון אונזער לאַנד ארץ ישראל. און אָט מיט די דריי זאַכען ווי: געלד געבען, געלד שאַפען און ארבייטען קען זיך יעדער מענש אויסשטעלען א נאַציאָנאַל ציוניסטישע בעשייניגונג. עס זענען אָבער לײדער דאָ זעהר פיעל מענשען, וועלכע שטעלען זיך אויס ציוניסטישע בעשייניגונגען אָהן די דריי אייגענשאפטען און ווילען אויך איבע-ראַל רעפּרעזענטירען די אמת'ע ציו-ניסטען.

אָט אַזעלכע פריש געבאַקענע ציונים וואַקסען ארויס, בעת עס קומט צו וואַה-לען, ווי שוואָמען נאָך א רעגען, זיי זוכען בענקלעך אין שטאָדט-ראָט אָדער קהלה, אָבער דאס זענען נאָר שרייער-ציונים, ווייל אויף דעם ריין ציוניסטי-שען געביעט האבען זיי נאָך גאָרנישט געטהון און גאָרנישט געגעבען, אין אָט צוליב די דאָזיגע הורא-ציונים איז דער ריין נאַציאָנאַל-ציוניסטישער בלאָק נישט צושטאנד געקומען.

די ציונים פון סוג א („על המשמר") האבען נישט געוואָלט שאַפען קיין בלאָק אָהן דער סינאָגאָגע און פאַברי-קאַנטען און סוחרים-פעראיין און דערצו נאָך שטעלען די דאָזיגע פערטרעטער אויפ'ן אויבען אָן פון דער קאַנדידאַטען-ליסטע. מיר רעוויזיאָניסטען זענען בנוגע אַזאַ בלאָק געווען קאַטעגאָרישע געג-נער; מיר האבען אויפגעוויזען, אַז אויף די 18 מאַנדאַטן, וואס וועלען אויס-געוועהלט ווערען אין דער קהלה וועלען זיכער זיין 15 סוחרים און פאַב-ריקאַנטען און אויב עס וועט זיך האנ-דלען אין אַ סוחר-פאבריקאנטישער פראַ-גע, וועלען די 15 פרנסים זיכער דאס סוחר'טום נישט פערראַטען. וואס אָנ-בעלאַנגט דער סינאָגאָגע ווידער וועלען זיך צווישען די 18 זיכער געפונען א סך וואס דאַוועגען אין דער סינאַגאָגע און די וועלען געוויס אַזוי גוט פער-טיידיגען די פראגע וועגען סובסידיע פאַר דער סינאָגאָגע פונקט ווי דער איינער, וואס זאָל זיין דער אָפיציע-לער קאנדידאט און וואס זאָל האבען נאָר די איינציגע אויפגאבע צו שטעהן אויף דער וואַך וועגען דער סינאָגאָגע-סובסידיע.

מיר רעוויזיאָניסטען זענען אַרויס געגאַנגען פון ריין פּרינציפּיעלען שטאַנד-פונקט: אָדער שאַפען אַ ריין נאַציאָנאַל-ציוניסטישען בלאָק אָהן פערזעהנישען און אָהן פערשידענע בעפאָרבונגען, אויב נישט, טאָ פאַרוואָס עפּיס גאָר זאָלען מיר זיך בלאָקירען נאָר מיט סוחרים און מיט דער סינאָגאָגע — פאַרוואָס נישט אויך מיט קליינהענד-לער, האַנדווערקער, דעמאָקראַטען, קאָמ-באַטאַנטען א. ז. וו. ביי אונז זענען די אַנדערע פונקט אַזוי כשר, ווי די סינאָגאָגע מיט די סוחרים און פאַברי-קאַנטען. איך מוז דערביי בעמערקען, אַז אויך אַלע אַנדערע גרופּירונגען, ווי די ציונים, סוג ב. (וועלט פערבאַנד), יו-דענשטאאטלער, „התאחדות" — מיט איין וואָרט אלע נאַציאָנאַל - ציוניסטישע גרופּורונגען; זענען געווען געגען דעם פאָרשלאָג פון די ציונים סוג א' („על המשמר") וועגען געהן צוזאַמען מיט דער סינאַגאָגע און סוחרים - פעראיין, אָבער „געזיעגט" האט טאַקע דער „על המשמר". דער פעראייניגטער נאַציאָ-נאַל-ציוניסטישער בלאָק איז אויפגעריי-סען געוואָרען, די ציונים פון גרינבוים'ס הדר' געהען צוזאַמען מיט דער סינאַ-גאָגע און סוחרים-פעראיין, די ציונים פון סוג ב' (וועלט - פערבאַנד) האבען אלס פּראָטעסט געגען דער נישט-ערלי-כער האַנדלונג פון „על המשמר" עפענ-טליך ערקלערט, אַז זיי טרעטען ארויס פון וואהל-קאָמיטעט און זיי האבען צו-ריקגעצויגען זייערע קאַנדידאַטען גע-בענדיג זייערע מיטגלידער פרייע הענד.

דאס אויבענדערמאַנטע בעווייזט בולט ווער ס'איז שולדיג וואס דער ריין נאַציאָנאַל-ציוניסטישער בלאָק איז נישט צושטאַנד געקומען.

ש. ניעמיראָווסקי.

דער נאַציאָנאַל-ציוניסטישער בלאָק
נומער 12
געהט אין דער קהלה אַרבייטען קאָנסטרוקטיוו און נישט פראַוועז דעסטרוקטיווע אָפּאָזיציעס.



מען כאַפּט א ציטער...

אלול'דיגס.

ווי עס קומט נאָר אָן דער חודש אלול, כאַפּט מען א ציטער. די פרומע יודען כאַפּען א דאָפּעלטען ציטער, וואָ-רום אויסער דעם ציטער אין גוף צו-ליעב די קאַלטע ווינטען, וואס הויבען אָן צו בלאָזען אין דאָזיגען חודש, כאַ-פּען זיי אויך נאָך א ציטער אין דער נשמה, מורא האבענדיג פאַר דעם יום-הדין, וואס דערנעהנטערט זיך, ווען מען דאַרף אָבגעבען א דין וחשבון וועגען די בעגאנגענע מעשים.

היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו? ווען מען בלאָזט מיט א שופר, ווען מען מאכט אַנ'אַליאַרם, אַז אָט אָט דער שונא דערנעהנטערט זיך, צי קאָן מען דאַמאָלס רוהיג בלייבען און נישט כאַ-פּען א ציטער?

אָט אַזוי לעבט איצט כמעט די גאנצע וועלט אין אַנ'אלול - שטימונג. אַלע כאַפּען א ציטער פאַר'ן יום הדין, וואס דערנענטערט זיך און קיינער ווייסט נישט מיט וואס ער וועט זיך ענדיגען, וועמען ער וועט אָבמשפט'ן לחיים אָדער פערקעהרט...

אין היטלער דייטשלאנד דויערט שוין די אלול-שטימונג העכער דריי יאהר. און נישט בלויז די שטימונג, נאָר אויך דער יום הדין האט דאָרט געבושעוועט און אָנגעמאכט אַ חורבן פון די איי-דעלסטע מענשען פון איצטיגען דור.

לײדער זעהט מען נישט, אַז דער מידת-הדין זאָל דאָרט אָבטרעטען פאַר'ן מידת הרחמים און ס'וואָלט שוין גע-ווען די העכסטע צייט, אז דער מידת-הדין אין דייטשלאַנד זאָל געהן אין דער אייביגער רוהה אריין...

אין לאַנד פון אונזערע האָפנונגען, אין ארץ ישראל, דויערט שוין העכער 4 חדשים די אמת'ע אלול - שטימונג. ווילדע אראבער פאלען אָן אויפ'ן יו-דישען ישוב און די בעלי - בתים, די ענגלענדער, טאָלערירען די חיה'שע אָנפאלען פון די אראבער.

העכער 70 קדושים האבען מיר שוין צו פערצייכענען, העכער 70 קרבנות זענען געפאלען אויפ'ן מזבח פון אויפ-בוי פון יודישען לאַנד און נאָך נישט איז אָבגעשטעלט געוואָרען דער מידת-הדין.

עס דאַרף דערהערט ווערען די מעכ-טיגע פּראָטעסט שטימע פון דער גאנ-צער ציוויליזירטער וועלט. דערווייל אָבער שווייגט די וועלט, איהר אָרט נישט, וואס א גרויס היסטאָריש ווערק ווערט חרוב.

דאס גאנצע וועלט - יודענטום אָהן אונטערשיעד פון פאַרטיי און ריכטונג פאָלגט נאָך די ארץ-ישראל געשעהע-נישען און מיט פערביטערונג דריקען זיי אויס זייער עמפּערונג געגען דער דאָזיגער שרעקליכער רציחה און ציטע-רען פאר'ן גורל פון יודישען ישוב.

שפאַניע איז אמאָל געווען א גרויס רייך לאַנד און זינט דאס שפאַנישע פאָלק האט אָנגעהויבען צו פערפאָלגען יודען, איז זיי געגאַנגען מיט דער פו-טער אראָב. פון דעם גרויסטען מעכטי-גען לאַנד, וואָס האט געהערשט איבער ימים און מדינות, איז געוואָרען אָנ-אָרים מדינה'לע. איז נאָך דאס ווייניג, קען זיך דאס דאָזיגע פאָלק נישט בע-רוהיגען און שלאָגט זיך צווישען זיך אַרום. שוין א רייהע יאהרען, ווי דאס בלוט פון שפאַנישען פאָלק רינט ווי וואַסער און לעצטענס האט דאָרט דער בירגער קריג אָנגענומען שאַרפע פאָר-מען.

ביז איצט זענען שוין אין דער לעצ-טער שפאַנישער מלחמה אויסגעשאָכטען געוואָרען איבער 50 טויזענד בירגער, געטויט דורך אייגענע ברידער.

ווען מען קוקט זיך צו צו דעם אלעם וואס קומט פאָר אין שפאַניע, כאַפּט מען אויך א ציטער.

אויך אין רוסלאנד איז איצט פאָר-געקומען עפּעס אַזעלכעס, וואָס רופט אַרויס א ציטער. 16 רוסלאַנד'ס גרעס-טע אויטאָריטעטען, וועלכע האבען גע-שפּיעלט א בעדייטענדע ראָלע אין דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, האט מען איצט אוועקגעזעצט אויף דער בע-שולדיגונגס באַנק. מען האט זיי אלע פערמשפּט צו טויט-שטראָף און טאַקי באַלד אויסגעפיהרט דעם אורטייל.

אַ ציטער כאַפּט אַרום יעדען איינ-ציגען מענשען, וועלכער קוקט זיך צו צו אלעם, וואס ס'טהוט זיך אָב דאָרט, אין דעם גרויסען מעכטיגען רוסלאַנד.

ערשטוינט און פערוואונדערט זענען אַלע, זעהענדיג, אַז אויך דאָרט ביי די, וועלכע פּרעטענדירען אויף יושר און גערעכטיגקייט, זאָלען קאָנען פאָרקומען אַזעלכע משונה'דיגע טהאַטען.

אויך פון רוסלאַנד'ס לעצטער געשע-העניש כאַפּט מען א ציטער.

אפילו ביי אונז, ווען מען לעזט די טויזענטער העצ אַרטיקלען, וועלכע שי-טען זיך אין די אַנטיסעמיטישע צייטונ-גען געגען יודען, כאַפּט אָן א ציטער. וואס ווילען זיי פון אונז, וועמען טהו-ען מיר שלעכטס, צי האבען מיר פוי-לישע יודען נישט פערגאָסען אונזער בלוט פאַר פוילען'ס אויפלעבונג? צי האבען מיר דען נישט מיט אונזער ענער-גיע און פלייס אויפגעבויט די פוילישע שטעדט, ענטוויקעלט איהר אינדוסטריע און נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג טראָגען מיר צו דעם צושטייער צו פוילען'ס גינסטען?!

אונזערע היימישע ענדעקעס ווילען פון דעם אלעם נישט וויסען און מיט א סאַדיסטישען אייפער העצען זיי געגען אונז, אויסטראַכטענדיג די שרעקליכ-סטע בלבולים. אַדאַנק דעם ווערען די אינסטינקטען פון די מאסען אויפגע-רייצט, ס'פאלען קרבנות אין א רייהע שטעדט און שטעדטלעך, יודיש האָב און גוטס ווערט חרוב און אויך אונזער לעבען שוועבט כסדר אין סכנה.

אַנ'אימה ופחד בעהערשט דעם יודי-שען צבור אין פוילען, און ווען מען קוקט זיך צו צו דער כסדר'דיגער העצע, כאַפּט אָן א ציטערניש איבער אונ-זער גורל.

מיר האבען שוין געהאט „אלדאָס-גוטס", האט מען אונז מזכה געווען מיט קהלה-וואהלען. טאָמער האט זיך דער אַנטאַגאָניזם, די ברודער-מחלוקת אביסעל איינגעשטילט, האט מען אונז צוגעוואָרפען קהלה-וואהלען און מען רייסט זיך שוין ווידער ביי די נעז.

מילא, ביי אונז אין שטאָדט איז נאָך ווי עס איז צו דערליידען, כאָטש ס'פעהלען אויך דאָ נישט קיין צרות און ס'איז צו האָפען, אז ביז ס'וועט קומען צום טאָג פון די וואהלען, וועלען מיר אויך נאָך האבען עפּיס צו פערצייכע-נען. ווען מען קוקט אָבער צו צו דעם וואָס עס טהוט זיך אָב אין די פערשי-דענע שטעדט און שטעדטלעך ארום די קהלה וואהלען — די מחלוקת, אַרומריי-סענישען, מסירות און זאָגאר געשלעגען צווישען אייגענע ברידער יודען, כאַפּט אָן אַ ציטער.

ווי איהר זעהט, איז אין דער גאנ-צער וועלט, און נישט בלויז ביי יודען, די אמת'ע אלול-שטימונג.

סמאָל.

אונזער טרייסט

פון ב. צ. גאלדבערג

אונזער טרייסט אין איצטיגען מא-מענט איז די האלבע טרייסט פון צרת רבים.

קוקען מיר בלויז אויף אונזער יודישער וועלט, זעהט זי אונז אויס טרויעריג און שווארץ און האפנונגסלאז.

בעטראכטען מיר אבער אויך אין דער זעלבער צייט די וועלט בכלל, דערזעהען מיר אונזער לאגע אין א פיעל העלערען ליכט.

די וועלט אליין איז היינט אויך אין א לאגע, וואס איז טרויעריג און פינ-סטער און האפנונגסלאז, און אונז איז אזוי ביטער, ווייל מיר זענען אויך א טייל פון דער וועלט.

די מענשהייט מאכט היינט דורך איינס פון די שווערסטע און טרא-גישסטע פראצעסען פון איהר געשיכטע. זי געהט אריבער די בריק פון איין וועלט אין אנ'אנדערער, פון איין לע-בען אין א צווייטען.

אור וחושך משתמשון בערבוביא — ליכט און פינסטערניש מישען זיך אויס אין ווירוואר; יעקב פעכט זיך מיט'ן שר און טונקעלקייט פון פאר'ן פריה-מארגען.

אין אזא צייט איז אלעמאל בעסער דאס, וואס איז נידעריגער פון גראז, וואס ליגט פערבעהאלטען אין זיין נא-רע, נישט דעם, וואס שטעהט אין מי-טען גאס.

און מיר יודען שטעהען אויפ'ן מי-טען גאס.

אנומעלט האב איך געהערט אזא געשיכטע:

א יודישער יונגערמאן האט נעהיי-ראט מיט א קריסטליך מיידעל, האבען זיי זיך צורעדט וועגען יודען און קריס-טען — דאס איז געוועזן גראד ווען זיי זענען געפאהרען אין אנ'אויטאמאביל אין מיטען שטאדט.

פרעגט זי איהם: וויפיעל יודען גע-פונען זיך דא אין שטאדט?

ענטפערט ער: א זיבעציג טויזענד.

פרעגט זי: איז וואס קאכט זיך דא אזוי מיט יודען? יודען און יודען. אלץ וואס איך הער אין שטאדט איז — יו-דען.

מאכט ער צו איהר: דו זעהסט דאר-טען א מענשען אויפ'ן ראג גאס? ווע-איז ער? א יוד. ניין? און יענעם מענ-שען אויפ'ן אנדערען ראג גאס זעהסטו? וואס איז ער? אויך א יוד, ניין? און קוק דארטען ביי יענעם ברעג גאס — אויך א יוד! די יודען שטעהען אויף די „ראגעס", דערפאר שטעהען זיי אלעמען אין די אויגען.

עס זענען געווען אנדערע עהנליכע צייטען אין דער געשיכטע פון דער וועלט ווען איין ארדנונג איז אוועק און אנ'אנדערע איז געקומען.

אזוי איז געווען ווען רוים איז אונ-טערגעגאנגען, די גוי'אישע רוים, און ווען די פויפסטליכע רוים איז שיער נישט אונטערגעגאנגען — אין פייער פון דער רעפארמאציע.

ווען די פעאדאלע ארדנונג האט גע-מוזט אבטרעטען דעם וועג פאר דער קאפיטאליסטישער ארדנונג איז אויך געווען פינסטער און בלוטיג די וועלט.

און פאר יודען איז דאס אויך געווען איינע פון די טרויעריגסטע, פינסטערע צייטען, און אזוי איז די לאגע היינט-צו טאג, ווען די קאפיטאליסטישע ארד-נונג דארף אבטרעטען איהר ארט פאר א קאלעקטיווער, סאציאליסטישער ארד-נונג.

טאמער ווערט אייך שוין צו שווער אויפ'ן הארצען לייענענדיג די יודישע נייעס, גיט א טראכט ווי עס לעבט היינט דער פוילישער-גוי'אישער-פויער אין פוילען, דער רומענישער ארימאן אין רומעניען און אפילו דער ארימער דייטש לעבט אונטער היטלערן.

מערקט, איך שרייב אלץ „ארימער", ווייל איך האב אין זינען נאר די ארי-מעלייט. פאר די רייכע זארג איך זיך נישט.

ווען איהר קוקט אויף דער וועלט, זעהט איהר, אז אונזער יודישע לאגע איז גאר נישט אזוי שלעכט.

א העלפט פון יודישען פאלק לעבט זיך גאר נישט שלעכט—איך מיין די יודען פון אמעריקא, ענגלאנד, פראנ-קרייך און סאוויעט-רוסלאנד.

ווי דער יודישער פרעסטיזש איז נישט געפאלען אויף דער וועלט. הא-בען מיר נאך קיינמאל נישט געהאט אנ'אמת'ען יודישען פרעמיער—נישט קיין גע'שמד'טען—און היינט האבען מיר צוויי, און פון די צוויי וויכטיגסטע לענדער אין אייראפע; אין די צוויי גרעסטע שטאטען אין אמעריקא האבען מיר יודישע גובערנאטארס און דער ספיקער פון אויסטראליען איז אויך א יוד.

איך בין נישט פון די, וואס ווארע-מען זיך אין דער זון פון די גרויסע יודען, אבער ווען מען רעדט יא פון יודישען פרעסטיזש אויף דער וועלט, איז דאס א מאס פון פרעסטיזש.

אפילו אין ארץ ישראל איז די לאגע אזוי נישט איכה'דיג, ווי מען מיינט, אויך דא איז דער נחמו גוט בעגרינ-דעט.

פאקטיש האט זיך די אמת'ע לאגע אין ארץ ישראל גאר נישט געביטען, און וועט זיך מאטעריעל פיעל נישט בייטען—עס האבען נאר געפלאצט די איבערטריבענע רייד און פאנטאזיעס פון געוויסע אידעאליסטען.

פערקעהרט: די יודען האבען געקרי-גען א האפען אין תל-אביב, וואס זיי האבען אזוי לאנג געוואלט און געדארפט און נישט געקאנט קריגען. זיי האבען בעקומען נאך אנ'אלטע פאדערונג—רע-גירונגס ביוראס פון יפו איבערגעפיהרט קיין תל-אביב. איצט בויט מען יודישע וועגען צו פערבינדען יודישע ישובים, וואס זענען אזוי לאנג נויטיג געוועזן.

און מיט דער אימיגראציע וועט זיך סוף כל סוף אויך רעגולירען, כל זמן ענגלאנד איז די באלעבאסטע.

— אי, וואס דער חלום פון א יודי-שען שטאט?

— קאן מען חלומ'ען ווייטער. פראק-טיש האט שוין מיט יאהרען צוריק ד"ר מאגנעס ערקלערט, אז מען מוז איינ-געהן אויף א צוויי פעלקער-שטאט, און צו דעם וועט עס מסתמא קומען.

קוקט נישט אויפ'ן חלום, קוקט אויף דער ווירקליכקייט.

ישראל פלאצקער

די בעשרענקטע קאמפעטענצען פון די קהלות, און וועמען דארף מען וועהלען?

II.

נעמענדיג פון רעליגיעז-טראדיציא-נעלען שטאנדפונקט קען מען זאגען גאנץ עהרליך און אויפריכטיג, אז דער מזרחי איז ביי קיין פאל נישט קיין פארטיי מיט ענגע פארטיי אינטערעסען, אזוי ווי אלע אנדערע פארטייען און ריכטונגען, אויף דער יודישער גאס.

און דאס איז גאנץ קלאר און פער-שטענדליך: ווארום אלס רעליגיעזע יו-דען זענען דאך די מזרחים א בעשטאנד-טייל פון גאנצען רעליגיעזען יודענטום, אבהיטענדיג די רעליגיעז-טראדיציא-נעלע אייגענארטען לויט'ן גייסט פון אונזער תורה און מסורה.

פון נאציאנאלען-שטאנדפונקט ווידער, קלארער גערעדט: מיט זיין אויפגאבע און דעוויז צו ערציהען דאס יודישע פאלק אין גלות אלס נאציאנאלע יודען און צו בעאיינפלוסען מיט זיין השפעה, אז דער אויפבוי פון ארץ-ישראל אלס אונזער נאציאנאלע היים, זאל זיין ברוח התורה והמסורה—ראכט זיך, אז ס'איז כמעט שוין נישטא קיין יוד, איבערהויפט קיין רעליגיעזער יוד, וועל-כער זאל נישט שטרעבען מיט זיין גאנצען מהות, אז א"י זאל זיך בויען וואס שנעלער און וואס שנעלער, און זאל דאביי זיין א אמת'דיג ארץ ישראל א יודיש לאנד אין פולען זין פון אונ-זער טראדיציע.

ארץ-ישראל איז דאך היינט שוין, לכל הדעות נישט מעהר קיין פארטיי-ענין, נאר אלע יודען, דאס גאנצע יו-דישע פאלק (אויסער בלינדע משוגעים און פערקריפעלטע מוחות) איז שוין אדורכגעדרינגען מיט דעם פולען בע-וואוסטזיין, אז א"י איז היינט צו טאג אונזער איינציגע האפנונג אונזער איינ-ציגער ליכט-שטראהל אויף דער צו-קונפט און דאביי אויך די אנלעהן, דער יסוד, דער פונדאמענט פון אונזער עקזיסטענץ אין גלות.

דעריבער מוז מען קומען צו דער מסקנא, אז אלע רעליגיעזע יודען, זענען אייגענטליך פולשטענדיג איינ-שטימיג מיט'ן פראגראם און די אויפ-גאבען פון מזרחי, און אויב זיי זענען אפיציעל נישט פערשריבען אלס זיינע מיטגלידער און העלפען איהם נישט מיט פאזיטיוו אין זיין אפעפולער אר-בייט, וואס איז אגב פון זייער זייט א אונגעהויערע עולה, איז דאך וועניג-סטענס די הייליגע פליכט פון אלע רע-ליגיעזע יודען צו אונטערשטיצען דעם מזרחי ביי יעדער פאלקס-ארבייט, שטאר-קען זיין כח, צוגעבען איהם מוט און מערגרעסערן זיין השפעה און איינפלוס, כדי ער זאל קענען אדורכפיהרען זיינע —זייערע שטרעבונגען.

און ממילא אונטערליגט נישט מעהר קיין שום ספק, אז ביי אזא וויכטיגען ענין, ווי עס זענען די קהלה-וואהלען, ווען דער יודישער צבור געהט אויס-וועהלען זיינע פארשטעהער, וועלכע זאלען אין משך פון 4 יאהר אנפיהרען און פערוואלטען מיט אלע זיינע רע-ליגיעזע און נאציאנאלע ענינים, דאר-פען אט די יודען זיך בעמיהען מיט אלע כחות אריינצופיהרען אין דער קהלה נאר דעם מזרחי, נאר די בנוגע וועלכע זיי קענען זיין זיכער, אז אלע זייערע הצטרכות'ן, אלעס וואס ליגט אין דער קאמפעטענץ פון דער קהלה וועט דורך זיי, דורך די מזרחי-פאר-שטעהער, פולשטענדיג עהרליך און גע-וויסענהאפט ערלעדיגט ווערען.

עס וועט מיר נאך אויסקומען צו רעדען בפרטות וועגען דעם פראגראם פון מזרחי, וואס ער שטרעבט אדורכ-צופיהרען אין דער קהלה, איצט וויל איך נאר אנווייזען אויף איין פרט, וועלכען די נייע קהלה וועט דארפען ערלעדיגען אין משך פון איהר קאדענץ, וועלכער גיט צו די יעצטיגע קהלה-וואהלען א אונגעהויערע וויכטיגקייט און וועגען וועלכען מען דארף זיך גאנץ ערנסט פערטראכטען, און דאס בעהאנ-דלען בכובד הראש, מיט דעם געהע-ריגען ישוב-הדעת.

איך וויל דערמאנען דאס, וואס מיר האבען ליידער לעצטענס פערלוירען דעם לאנג-יעהריגען גייסטיגען מנהיג פון אונזער עדה, אונזער גרויסען רב, הרב הגאון רבי נחום אש זצ"ל, און די נייע קהלה אין איהר קאדענץ האט אויסצוועהלען א רב, א ממלא-מקומו וואס זאל פערנעמען דעם כסא-הרבנות אין אונזער שטאדט.

און איך אלס חבר פון מזרחי, וועל-כער האט אין דער זאך נישט קיין שום געהיימע און בעהאלטענע כונות, קען מיר ערלויבען צו רעדען אפען און קלאר וועגען דער פראגע, וועלכע אנ-דערע האלטען בסוד, און ווילען דאס נישט ברענגען איבער'ן מויל, אבער רעדען וועגען דעם אויער אויף אויער, בחדרי חדרים.

זעלבסטפערשטענדליך איז איצט נאך צופריה אוומצורעדען די רבנות פראגע אין אונזער שטאדט אין איהר גאנצער ברייט, איך האלט אבער פאר נויטיג אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם, וואס א גרויסער טייל פון די ריכטונ-גען וועלכע געהן אין דער קהלה, הא-בען דאס שוין שטארק, זעהר שטארק אין זינען. און מען שמועסט, אז איי-נינע פון זיי האבען אפילו שוין גרייט רבנים אין די בוזעם קעשענעס, דאביי ווערט אבסאלוט נישט געלעגט קיין אכט אויב דער קאנדידאט איז כאטש טיילווייז ראוי צו פערנעמען דעם דא-זיגען הויכען און וויכטיגען אמט.

דער מזרחי קען ערקלערען מיט דער גאנצער קאטעגארישקייט, אז ער וועט ביי קיין פאל נישט פערטאכלעווען דעם היגען רבנות-שטוהל פאר א נזיר-ערשים. דער מזרחי וועט זיך נישט רעכענען מיט'ן בלויזען יחוס אבות, נאר דער עיקר יחוס עצמו. ווייל מיר האלטען, אז א רב אין אזא עיר ואם בישראל ווי טשענסטאכאוו איז נישט בערופען גלאט צו ערפולען די פונקציעס פון פסק'ענען שאלות „טעפיל-לעפול", אדורכצופיהרען דין-תורה'ס, געבען חופה-קדושין אדער גיטין, נאר ער מוז זיין אויסער א גאון און גדול בתורה, אויך א גדול בחכמה, אין למודי קודש, חכמת ישראל, אויך אין א געוויסער מאס למודי חול. ער מוז האבען די נויטיגע מעלות און קוואליפיקאציעס פון א אמת'ן תלמוד-חכם אין פולען זון פון ווארט. פערנעמען זיך פאזיטיוו מיט דעם חינוך און ערציהונגס-וועזען פון אונזער יונגען דור און בכלל מיט אלע רעליגיעזע און נאציאנאלע ענינים פון דער קהלה, און זיין אונזער גייס-טיגער פארשטעהער אויך כלפי הוץ.

אט די דאזיגע אונגעהויער וויכטיגע פראגע דארף יעדער ערנסטער יוד נע-מען אין אכט בעת'ן אבגעפען זיין שטים און געדענקען, אז דער מזרחי איז, ווי געזאגט, דער וואס געהט צו צו דער זאך ריין, עהרליך און אויפ-ריכטיג, אהן שום פניות אדער נגיעות—.

איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון מזרחי איז אויך צו שטרעבען און זיך בעמיהען, אז די בעשרענקטע קאמ-פעטענצען פון דער קהלה זאלען דורך די געהעריגע מאכט ארגאנען אומבע-דינגט פיעל פערברייטערט ווערען, אזוי אז זי זאל ארומנעמען אלע געביטען פון יודישען לעבען. נאר וועגען דעם אין קומענדיגען לעצטען ארטיקעל.

פארבערייי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:

1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
3) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

פונדעסטוועגען איז נאך נישט אזוי שלעכט...

גאנצע 14 ליסטעס פיגורירען צו די וואהלען אין דער קהלה און מען רע-כענט אויס, אז אויף צו קלויבען 18 פרנסים, האבען זיך געלאזט אין געיעג גאנצע 14 פארטייען און גרופען, איז עס אונבעדינגט צו פיעל.

מיר טשענסטאכאווער יודען, וועלכע זענען געוואוינט פערהעלטניסמעסיג צו א רוהיגער ארבייט, מעגען טאקי פון אזוי פיעל ליסטעס נישט צופרידען זיין, איך אבער, וועלכער וויל מ"מד זכות זיין אויף אונזער שטאדט, זאג, אז עס איז נאך נישט אזוי געפעהרליך, און דאס צוליעב פאלגענדען טעם:

נעמען מיר, למשל, א שטאדט ווי סאסנאוויץ זענען דארט פערהאנען ביז 20 ליסטעס. דאס זעלבע איז מיט ראדאמסק, טאמאשאוו און אנד. נעמען מיר ווידער אזעלכע שטעדטלעך ווי קלאבוצק, קושעפיץ, קאניעצפאל א.ז.וו., וואו ס'ווערען איינגאנצען אויסגעקליבען 8 דאזארעס, זענען דארט אויך פערהאן מעהר ווי א מנין ליסטעס. קומט במילא אויס, אז ביי אונז איז פונדעסטוועגען נאך נישט אזוי שלעכט...

ער האט זיך אויסגעארבייט א וואזשנע „אפיניע"...

דער געוועזענער רעדאקטאר פון דער „סלאווא-טשענסטאכאווסקיע" סטאנקיע-וויטש איז אין זיינער צייט, ווען דער „הלוך האט געילכט" און די „סלאווא" האט געבערענגט פרנסה, געווען א „יו-דען-פריינד", געמאכט קאמפלימענטען די יודישע ראסע און דערווייל געגומען יודישע נעק-אלאגען און אנדערע יודי-שע גוט געצאהלטע אנאנסען, נישט פערגעסענדיג דערביי אויך צו נעמען פון צייט צו צייט צו ביסלעך „הלואות" פון יודען.

איז אבער געקומען א קריזיס און די „סלאווא" איז אונטערגעגאנגען, האט סטאנקעוויטש אנגעהויבען פרובירען גליק אין אנ'אנדערער ריכטונג, נעמ-ליך — ער איז אריבער אין לאגער פון די אנטיסעמיטען, און היות ווי די קא-ניונקטור איז אויף דעם געביעט א גינסטיגע, האט ער מצליח געוועזן.

סך הכול גיט סטאנקעוויטש ארויס א וואכען בלאט א. נ. „אפיניא", איז עס פול מיט גיפט און האס געגען יו-דען. ער בעמיהט זיך אפילו, ווי יע-דער משומד, אריבערצושטייגען דעם „גאניעץ" מיט דער „גאזעטא נארא-דאווא". אמת, ער האט נאך די הלואה'-לעך, וואס ער האט זיך געבארגט ביי יודען, נישט אבגעגעבען, דאס שטערט איהם אבער נישט צו פיהרען זיין העס-ליך שטיקעל ארבייט געגען יודען.

איבערהויפט מוז מען אנערקענען, אז סטאנקעוויטש האט א נאמען געגע-בען זיין ארגאן נאך זיך, ווייל ער האט אויך א גוטע „אפיניע"...

ערפולט זיין חוב.

אין גרויסען ים פון שנאה, וואס ווערט געזייהט דורך די גיפט-מישער, געפונען זיך דאך נאך א טייל קריס-טען, וואס זענען איידעל און ווערען נישט מיטגעריסען מיט דער כוואליע פון מענשען-האס.

ס'טרעפט, זעלטען טאקי, אבער עס טרעפט, אז קריסטען נעמען זיך אן די עולה פון יודען, לאזען זיי נישט בע-ליידיגען א. ז. וו.

יענע וואך, ווען איך בין שפעט אין דער נאכט אהיימגעגאנגען, געהט מיר אקעגען א קריסט זעהר בגילופין, ס'פערשטעהט זיך, אז איך האב בעקו-מען פחד. ווען ער איז אבער נעהנטער צוגעקומען צו מיר און דערזעהענדיג, אז איך בין א יוד, האט ער מיך ארומ-געכאפט און מיר געזאגט בזו הלשון: הער, ברודער, איך ווייס, אז די אונזע-ריגע זענען שלעכט צו אייך, גלויב מיר אבער, אז נישט אלע זענען אזוי. אט, למשל, נעם מיך, לייד איך זעהר דערפון, וואס מען פייניגט יודען. איך שעם זיך פשוט, מען לעבט אבער אין אזא אטמאספערע, אז מען קאן דאס נישט הויך ארויסרעדען. נאר איצט, ווען איך טרעף דיך שפעט ביינאכט, רעד איך מיר פאר דיר אראב ס'הארץ. זאג דייגע ברידער, אז נישט אלע אונ-זעריגע זענען אזוי שלעכט, ס'זענען פערהאנען אויך צווישען אונז איידעלע ארענטליכע מענשען און ס'וועט נישט לאנג דויערען, אז יעדער ערליכער קריסט וועט זיך שעהמען מיט די מעשים, וואס ווערען געגען אייך בע-גאנגען.

זיי געזונט! — געזעגענט ער זיך מיט מיר — איצט, אז איך האב מיר אראב-גערעדט פון הארצען, פיהל איך, אז איך האב ערפולט מיין חוב.

יענע וואך ווידער קומט ארויף א קריסטין אין דער קהלה און בעט זיך צו מעלדען צום פרעזעס. און באלד דערצעהלט זי, אז איהר מאן האט זיך אמאל נעבארגט א גילדען ביי אנ'אונ-בעקאנטען יודען און פיעל מאל האט ער איהם געזוכט, נאר ער האט איהם נישט געטראפען. איצט האלט ער ביים שטארבען און דעם זלאטי האט ער נאך נישט אבגעגעבען, האט ער בע-שלאסען דעם זלאטי אוועקצושענקען דער יודישער קהלה און דערמיט האלט ער, אז ער האט זיין חוב דערפולט.

צוויי בעל-הבית'טעס מיט איין ציטרין.

ווי אזוי מען רעכענט זיך היינטיגע צייטען מיט א גראשען, קאן דינען פאלגענדער פאקט:

אין א קאלאניאל-געוועלב זענען גע-קומען צוויי בעל הבית'טעס און גע-קויפט איין ציטרין, וועלכע זיי האבען זיך צוטיילט אויף צוויי העלפטען.

אמאל האט מען זיך געטיילט מיט א 10-קילאדיגע גאנז אדער אינדיק און היינט צוטיילט מען זיך מיט א ציט-רין...

לויתן.

נישט שלום, אָבער אויך נישט מלחמה...

דער שלום אַפּעל צו די בעפאָרשטע-הענדע קהלה-וואהלען, וועלכער האָט זיך פאַר איניגע וואָכען געהאט בעוויזען אויף די שפאַלטען פון דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" דורך דער אינציאַטיוו פון „אגודת ישראל" און אַנדערע איז נישט געוועזען קיין קול קורא במדבר, ווייל, ווי ס'איז די לעזער בעוואוסט, זענען דורך דער לעצ-טער צייט אין אונזער שטאָדט אונטער-גענומען געוואָרען צוויי שלום-אַקציעס: איינע אַנ'אַלגעמיינע ד"ה ס'זאָל געשא-פען ווערען אַנ'איינהייטליכע וואהל-ליסטע פון אַלע גרופּירונגען אָהן אויס-נאַהם. די דאָזיגע אַקציע איז געפיהרט געוואָרען אין קהלה-לאָקאַל דורך בע-וואוסטע כלל-טהוער. דאַן איז דורך דער „אגודה" לייטונג געפיהרט געוואָ-רען אין אגודה - לאָקאַל אַנ'ענגערע שלום-'אַקציע, אַז אַמוועניגסטענס זאָ-לען די רעליגיעזע גרופּירונגען נישט געהן צעשליפּערט צו די וואהלען.

וואָס אַנ'אמת האָבען זיך ביידע בע-מיהונגען נישט איינגעגעבען. כ'בין נישט אויסען יעצט צו בעריהרען די פראַגע בשלמי האשם – ד"ה וועד ס'טראָגט דאָס אחריות, וואָס דער אָנ-געבאָטענער שלום איז נישט צושטאַנד געקומען? כ'וויל דאָס נישט טהון מכמה טעמים. אַלערערשט האָב איך מיך פאַר-זענליך אין דער ערשטער אַקציע נישט בעטייליגט און צו זיין אין אַזאַלכע „דעליקאַטע" ענינים בלויז עפ"י השמועה איז זעהר שווער. נור אפילו פון דער ענגערער אַקציע פון דער „אגודת ישראל", אין וועלכער כ'האָב יאָ אַנ'אַנטייל גענומען און כ'ווייס יאָ וואו דער אמת איז, דאַך האַלט איך, אַז בלויזע פּאָלעמיק אויף וועמען די שולד אַרויפצוּוואַרפען קאָן קיין נוצען נישט ברענגען, ניר ס'וועט גורם זיין צו פערשאַרפען די בעציהונגען און אַרויסצורופען פּריש בייז בלוט, אַזוי ווי די פּאָלעמיק, וועד ס'האָט אַרויסגע-רופען דעם וועלט - קריעג בעדראָהט שטענדיג אַרויסצורופען אַ נייע מלחמה. צוליעב שלום-טעמים וועל איך דערי-בער אָבנויגען פון ריינעם אמת און כ'זאָג, אַז אַלע זענען שולדיג, אָדער בעסער געזאָגט, אַז אַלע זענען נישט שולדיג, ווייל דער שלום-בעגריף איז זעהר אַ רעלאַטיווער, און יעדער קאָן איהם אַנדערש אויפפאַסען.

נישט ווילענדיג קומט מיר אויפ'ן זכרון א שעהנער שלום אַנעקדאָט:

אין אַ קליין שטעדטיל, וואו ס'פעה-לען נישט ווינטער צייט קיין בלאָטעס און טיפע שנייען, זענען אַמאָל גאַנץ פריה בעגינען געגאַנגען דאַווענען אין דער שוהל צוויי יודען – שלום און ישראל. געהענדיג צוזאַמען האָבען ביי-דע נעבעך געטאָפּטשעט אין טיפען שניי און בלאָטע ביז איבער די קניחען. רופט זיך אָן איינער: הלמאי דאַרפען מור ביידע זיך צו פערבלאָטשען די שיך און מלבושים, אינדערצייט, ווען איינער קאָן דעם צווייטען העלפען דורך טראָגען אויף די פּלייצעס צו דער שוהל. גלייך, זעהר גלייך – זאָגט דער צווייטער – נור די פראַגע איז ווער – וועמען? ד"ה ווער ס'זאָל רייטען אויפ'ן צווייטענס פּלייצע? נאָך לאַנגע אַמ-פערגישען איז געבליבען בהסכם זיך צו פערלאָזען אויף אַ פסוק פון תנ"ך. רופט זיך אָן שלום: איך האָב טאַקי דעם ריכטיגען פסוק, וואָס בעווייזט, אַז איך דאַרף רייטען אויף דיינע פּלייצעס; ס'שטעהט בפירוש: „שלום על יש־אל" – שלום זאָל זיצען אויף ישראל'ן. דערהערענדיג, אַז ער האָט רעכט, נעמט ישראל שלום'ען אויף זיי-נע פּלייצעס, נור קוים אָבגעהענדיג אַ פּאָר טריט איז זיך ישראל מישב און מיט'ן גאַנצען אימפּעט שליידערט ער שלום'ען גלייך אַראָב אין דער בלאָטע. האָ? – בלייבט שלום ליגען פערוואונ-דערט – ווי טהוט מען אַזוי? און דער עיקר, וואָס איז מיט'ן פסוק? הערסט דאָך – רופט זיך גאַנץ בנעימות אָן ישראל – איך האָב אויך געפונען אַ פסוק: „ונתתי שלום בארץ"...

דער מוסר השכל פון דעם אַנעקדאָט בעווייזט גאַנץ קלאָר און אויפריכטיג, אַז ווען מען וויל כלומרש'ט איינגעהן אויפ'ן שלום, נור דערביי ווילען ריי-טען אויף יענעם, בלייבט מען טאַקי אַרצה...

נאָכוואָס אָבער דאַרף מען דערפון מאַהר צו רעדען, ווען ס'איז שוין אַ געשעהענער פאַקט, אַז צווישען רעם מבול פון וואהל-ליסטעס פיגורירען איי-ניגע רעליגיעזע, און דאָס לאָזט זיך שוין נישט ענדערען. כ'בין אָבער אוי-סען מיט דעם שרייבען, אַז אַמווע-ניגסטענס זאָל מען זיין אַ בוחר רע במיעוטו – אין דער ערשטער רייהע ליגט אַ הייליגער חוב אויף די רע-ליגיעזע גרופּירונגען צו שליסען צווי-שען זיך פערבינדונגס ליסטעס, כדי די איבערגעבליבענע רעשטליך שטימען זאָ-לען נישט געהן לאיבוד, ווייטער, אַז דער וואַהל-קאַמף זאָל געפיהרט ווערען אין אַ רוהיגער קולטו־עלע־ פאָרם, אָהן פערזענליכע אָנגריפען א. ד. גל., ווי ס'פּאַסט טאַקי פאַר רעליגיעזע יו-דען, ביי וועמען די תורה, וועלכע פערבאָט רכילות, שנאה, הלבנת פנים א. ד. גל., איז זעהר טייער און שטעהט העכער פון וואהלען.

בכלל דאַרף פאַר אַלע גרופּירונגען זיין גילטיג דער אַפאַ־יזם פון דער רו-סישער פריעדענס דעלעגאַציע, וואָס איז זיינער צייט אויפגעשריבען געוואָ-רען אויף דער וואַנד פון דער בריס-קער געביידע, אין וועלכער ס'זענען פאָרגעקומען די שלום-אונטערהאַנדלונ-גען; „נישט מלחמה און נישט קיין שלום". פאַר אונז אַלע דאַרף דאָס גילטען נור אין אַ פערקעהרטער ריכ-טונג: נישט קיין שלום, אָבער אַמווע-ניגסטענס נישט קיין מלחמה.

ד. ש. ערליך.

אויסטערלישע געזעצן

אין יעדען לאַנד איז פערהאַנען אַ געזעץ, אַז יעדער, וואָס וואוינט אין דעם לאַנד, מוז קענען זיינע געזעצען. פהום מען עפּיס, וואָס איז נישט כדת ופדין, קען מען זיך נישט פערענטפערן דערמיט, אַז מ'האָט נישט געוואוסט דאָס מ'טאָר דאָס נישט טהון.

און דאָך זענען אין יעדען לאַנד פערהאַנען אויסטערלישע געזעצען, וועלכע זענען אַלט הונדערטער יאהרען, וועלכע ווערען קיינמאָל נישט פּראַק-טיצירט און פונדעסטוועגען האָט מען פערגעסען זיי צו ערקלערען פאַר נישט-גילטיג. וואָלט מען די דאָזיגע געזעצען פּראַקטיצירט, וואָלט מען נישט גע-טאָרט געהן אויף דער גאַס כמעט. אויף אַלעמען אין לעבען איז פערהא-נען אַ חומרי...

ס'זענען געוואָרען צונויפגעשטעלט אַלע דאָזיגע אויסטערלישע פּאַראַגראַ-פען, וואָס זענען פערגעסען געוואָרען. מעהר ווי צוויי מיליאָן אַזאַלכע פּאַ-ראַגראַפען זענען פערהאַנען אין אַלע לענדער. טייל לענדער האָבען אומיש טען די פּאַראַגראַפען נישט אויפגעלעזט, ווייל אַפּטמאָל מוז מען זיך העלפען מיט אַזאַ אַלטען פּאַראַגראַף, אויב מ'וויל עפּיס אויפטהון... די מעהרסטע פּאַראַגראַפען זענען פערהאַנען אין אַמע-ריקאַ. איבער אַ מיליאָן חומריות זענען דאָרט נאָך פערהאַנען.

אין שוועדען, למשל, איז פערהאַנען אַ געזעץ, אַז יודען טאָרען נישט דאַ-ווענען בצבור, זיי טאָרען זיך נישט מאַכען קיין סינאַגאָגען. זייט הונדער-טער יאהרען, זענען אָבער דאָרט פער-האַנען סינאַגאָגען. די רעגירונג אָרט עס נישט, כאָטש, דאָס געזעץ, אַז „מ'טאָר נישט מאַכען קיין סינאַגאָגען" איז נאָך פערהאַנען.

אין דער שווייץ טאָר מען נישט פאַהרען שנעלער ווי 10 קילאָמעטער אַ שעה, אין פּיעל שטעדט בלויז זעקס קילאָמעטער, ווען מ'וואָלט געמוזט טאַקי אַזוי לאַנגזאַם פאַהרען, וואָלט מען גיכער געקענט געהן צו פוס...

אין נאָרוועגיען איז נאָך היינט פער-האַנען אַ געזעץ, אַז פון זעקס אַ זיי-גער ביי נאַכט ביז זעקס אין דער פריה, מוז פאַר יעדען צוג לויפען אָדער רייטען אַ וועכטער מיט אַ לאָמטערן אין דער האַנד... מ'קען זיך פאָרשטע-לען ווי שנעל די באַהן מעג פאַהרען ביי נאַכט...

אין פּוילען איז נאָך היינט גילטיג דאָס רוסישע געזעץ, אַז יעדער וואָס עפענט אַ פּעקיל טיטון מוז קודם צו-רייסען דעם סטעמפּעל, בכדי מ'זאָל איהם נישט נאָכאַמאָל פערנוצען, כאָטש ס'זענען שוין לאַנג קיין סטעמ-פּלען נישט פערהאַנען.

אין איטאַליע טאָר מען נישט טאַנ-צען אין קיין לאָקאַל, וואָס איז נישט שטאַרק בעלויכטען. אַלע לאָמפּען מוזען דערביי ברענען.

אין פּאַראַגוויי טאָר מען אויף דער גאַס נישט שעלטען. פאַר יעדער קללה מוז מען צאָהלען אַ שטראָף פון – 67 סענט.

אין ענגלאַנד איז נאָך גילטיג דאָס געזעץ, אַז פאַר קאָרטען-שפּילען אום זונטאָג ווערען בעשטראָפט נישט נור די שפּילערס, נור אויך די וואָס קוקען צו.

אין דענעמאַרק מוז – לויט'ן גע-זעץ – יעדער מאַן, וואָס זיצט אין אַ פּאַרק נעבען אַ פרוי, זיין אָוועקגערוקט פון איהר לכל הפחות פופצעהן צענטי-מעטער.

אין עטליכע לענדער פון דרום-אַמע-ריקאַ טאָרען פרויען – לויט'ן געזעץ – נישט טראָגען קיין קליידער אָהן אַרביל. אין עטליכע לענדער איז פערהאַנען געזעצליך פאַרגעשריבען ווי לאַנג די העמדער מוזען זיין ביי מענער און ביי פרויען...

אין קאָנעקטיקוט ווערט יעדער בע-שטראָפט מיט טויזענד דאָלאַר, וואָס לעזט אַ צייטונג אין וועלכער ס'זענען בעשריבען מאָרדען...

און אַזוי געהט עס איין געזעץ נאָכ'ן אַנדערן, לויטער אויסטערלישע זאַכען, פון וועלכע ס'פאַלט אונז אָן אַ מורא אָדער אַ געלעכטער...

און דאָך זענען די געזעצען עד היום אין קראַפט און יעדע רעגירונג קען זיך דערמיט בעדינען, ווען זי וויל נור...

ז. האַבער, וויען-פּאַריז

מגילת=טרוסקאָלאַס

מיר האָבען יענע וואָך געלעזען אין די צייטונגען צוויי ידיעות פון ימ"א וועגען טרוסקאָלאַס. די ערשטע ידיעה לויטעט, אַז אין טרוסקאָלאַס האָבען אָבגעברענט עטליכע הייזער און ס'איז אַ פערדאַכט, אַז דאָס האָט אַנ'אַנטי-סעמיטישען אינטערעס און אַ צווייטע ידיעה–אויך דורך יט"א, צוגעשיקט פון אָפיציעלע קוועלען, וועלכע איז מודיע, אַז אין טרוסקאָלאַס האָט טאַקי גע-ברענט–דאָס איז אמת. און געברענט האָט נישט איינמאָל, נאָר אפילו צוויי מאָל, אלא וואָס דען–די אינטערציג-דונגען טראָגען נישט קיין אַנטיסעמי-טישען כאַראַקטער.

מיר ווילען זיך נישט איצט אריינ-לאָזען וועגען מהות פון די ידיעות, צי די לעצטע שרפות האָבען אַ שייכות מיט'ן אַנטיסעמיטיזם, צי נישט, אַ פּאַקט איז אָבער, אַז טרוסקאָלאַס איז אַנ'אָרענע, וואו עס שפּילען זיך לעצ-טענס אָב העסליכע אַנטיסעמיטישע סצענעס, וואָס זענען עלול חרוב צו מאַכען דעם איינגעפונדעוועטען יודי-שען ישוב, אַ סך יודישע פאַמיליעס זענען שוין טאַקי חרוב געוואָרען, וועל-כער עגזיסטירט שוין דאָרט איבער 150 יאהר.

מיט אַנ'ערך 150 יאהר צוריק זענען געקומען קיין טרוסקאָלאַס צוויי יודישע עמיגראַנטען פון דייטשלאַנד, ווי די לעגענדע דערצעהלט, זאָלען דאָס זיין געוועזען יודען, וועלכע זענען פערטרי-בען געוואָרען פון שפּאַניען און עט-ליכע דורות האָבען זיי געוואוינט אין דייטשלאַנד, פון וואַנען זיי האָבען שפּעטער עמיגרירט קיין פּוילען, בע-זעצדיג זיך אין טרוסקאָלאַס. חיות אָבער זיי האָבען געדאַרפט אַ שוחט, האָבען זיי זיך געוואַנדען קיין ווירושוב און אַנגאַזשירט דעם דאַמאָלסדיגען נאָך זעהר יונגיטשקען גרונם שוחט, וועל-כער איז אויך געווען אַנ'איניקל פון די גולי-ספרד. פון דאַמאָלס אָן האָט זיך טרוסקאָלאַס אָנגעהויבען צו ענ-טוויקלען אין אַ פּאָר יאהר שפּעטער האָט די דאָרטיגע יודישע קהלה שוין געצעהלט ביז 60–70 יודישע פאַמיל-יעס און אַלס ערשטען רב אויפגענומען דעם שפּעטערדיגען קזשעפּיצער רב, אַ פאָטער פון היינטיגען קזשעפּיצער רב.

טרוסקאָלאַסער יודען, טראָץ דעם, וואָס זיי זענען געווען דאָרפישע, האָ-בען זיי געהאַט אַ שם אַלס גרויסע בני-תורה, יחסנים און למדנים. ס'וועט זיין גענוג צו זאָגען, אַז אויף די ימים-נוראים זענען דריי פירטעל יודען אַוועק, ווער קיין קאָצק, ווער קיין ראַדאָמסק אָדער צו אַנדערע רביים. אויך דער תפארת-שלמה איז פון צייט צו צייט געקומען קיין טרוסקאָלאַס צו זיינע מיוחס'דיגע אַנהענגער. בכלל האָבען די טרוסקאָלאַסער יודען צווי-שען זיך געלעבט, ווי איין גרויסע משפּחה, ווייל פּאַקטיש זענען זיי כמעט אַלע געווען משפּחה.

דאָס טרוסקאָלאַסער בית המדרש איז געווען אַ מקום תורה פאַר אַ סך בחורים, וואָס זענען געקומען פון דער פרעמד, דערונטער אויך פון טשענסטאָכאָוו, וועלכע האָבען דאָרט „געקנייטשט די באַנק" לערנענדיג שעור ביים רב.

די פּויערים האָבען פאַר די יודען געהאַט גרויס דרך ארץ, זיי האָבען קיין שום זאַך נישט געטהון, זיי זאָלען זיך נישט צוערשט שואל עצה זיין מיט די יודען, וועלכע זענען קלוג און עצה'ן זיי זעהר גוט.

מיין זיידע ר' משה'ל שוחט ז"ל האָט געלעבט אין טרוסקאָלאַס גאַנצע 82 יאהר און ס'האָט נישט געטראָפען דער פאַל אין משך פון די אַלע יאהרען, אַז ס'זאָל פאָרקומען דער קלענסטער אינצידענט צווישען קריסטען און יו-דען. פערקעהרט, די פּויעדים האָבען זיך בעצויגען צו די יודען מיט'ן גרעס-טען יראת-הכבוד.

די טרוסקאָלאַסער יודען זענען ס'רוב געווען פערמעגליכע מענשען, פערמאָ-גענדיג גרויסע שטחים ערד, הייזער און אויך טאַקי מזומן. ס'איז גענוג צו דערמאָהנען די פאַמיליעס: כוואַט, סע-גאַל, פראַנק א. א.

אַזוי האָט זיך געלעבט אַנ'ערה יורען אין משך פון יאהרען און דורות רוהיג, שטיל, אָהן אויפטרייסלונגען און שווע רע איבערלעבענישען ביז–ביז ס'איז אָנגעקומען די שרעקליכע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכע האָט אויך פער-כאַפּט דאָס שטילע, רוהיגע ווינקעל טרוסקאָלאַס. דאָס דאָזיגע שטעדטיל, וואָס איז געווען אַ מקום מקלט, אַ בעהעלטעניש פאַר די פּלאָגען פון דער שטאָט (אין יאהר 1902, ווען מען האָט זיך געריכט אין טשענסטאָכאָוו אויף אַ פּאָגראָם, זענען אַ סך טשענ-סטאָכאָווער אַנטלאָפען קיין טרוסקאָ-לאַס, וואו זיי זענען געווען זיכער מיט זייער לעבען און פערמעגען) איז היינט געוואָרען אַ מקום פורעניות, פון וואָ-נען מען מוז אַנטלויפען.

טרוסקאָלאַס איז אַלעמאָל געווען איינ-געטינקט אין גערטנער און גראָזען, דער מאַרק איז געווען זאַמדיג, אַנ'אַנ-דערע גאַס איז געווען באַרגיג און אָהין איז מען געפאָהרען מיט אַ „פּוי-לישען" וועג, וואָס האָט געדויערט עטליכע שעה נאָכאַנאַנד.

היינט פאָהרט מען קיין טרוסקאָלאַס אויף אַ פּרעכטיגען שאָסעע און די גאַנצע רייזע געדויערט מיט אַנ'אויטאָ-בוס וועניגער, ווי אַ האַלבע שעה. אויך דער מאַרק איז ברוקירט, דער באַרג פון דער גאַס איז אָבגעשטאָכען, מיט איין וואָרט–עס איז מאָדערנער געוואָרען און דאָ הויבט זיך אָן דאָס אומגליק. עס האָט זיך אריינגעכאַפּט די מאָדערנע קולטור און דאָס איז גורם שנאה, שאָוויניסטישען נאַציאָנאַ-ליזם, וואָס ענדיגט זיך מיט אַ אומ-גליק פאַר צעהנדליגער יודישע רוהיגע אַלט-איינגעזעסענע בירגער.

טרוסקאָלאַס איז היינט, ווי אויף אַ וואולקאַן. מען איז קיינמאָל נישט זי-כער, ווען ס'וועט אויסברעכען די לאַ-ווינע, וואָס וועט פערברענען און פער-גיסען די געגענד.

די טרוסקאָלאַסער יודען זענען אָרים, פון דאָרף געהן איז אויסגעשלאָסען. אין שטעדטיל גופא ווערען די יודען באָיקאָטירט; איז דאָס נאָך וועניג, לאָזט מען זיי אויך נישט רוהיג לעבען. אויסהאַקען די שויבען–איז אַ טאָג-טעגליכע ערשיינונג און אויך שפּאַל-טען יודישע קעפּ איז גאָר נישט קיין זעלטענהייט.

בעת מיר זענען לעצטענס אין צו-זאַמענהאַנג מיט די צו אָפטע שרפות (מערקווירדיג, וואָס גראַד די יודישע הייזער ווערען נאָר פערברענט, אינ-דערצייט, ווען די קריסטליכע הייזער זענען געזונד און פריש...), זענען מיר אַזוי געשטאַנען און צוגעקוקט צו די פערקוילעטע בעלקעס, וואָס האָבען זיך נאָך געררויכערט. שטעהט דערביי אַ יוד בּאָרוויס און דערזעהענדיג אונז, האָט ער זיך צוגעריקט נעהנטער. איך קוק זיך צו: ס'איז אַנ'אַלטער בעקאַנ-טער, מיט'ן נאָמען זיסער. וואָס הערט זיך, אַלטער פריינד-נעם איך איהם אַרום, ער קוקט מיך אָן און דערקענט מיך אויך. קורץ, ער האָט זיך צוויינט, ווי אַ קינד און זיך בעקלאָגט, אַז ווען מען וואָלט נאָר געקאָנט געהן אין דאָרף אַריין (ער איז אַ דאָרפס-הענדלער), וואָלט מען נאָך געקאָנט האָבען פּרנסה. פרעג איך איהם: זאָג מיר זיסער, ווי-פּיעל הייסט ביי דיר פּרנסה?–אַ גיל-דען אַ טאָג-פּלאַצט ער אַרויס. דאָס וואָלט געווען גענוג פאַר זיין גאַנצע פאַמיליע, וואָס בעשטעהט פון 5 פּער-זאָן.

אַ צווייטער יוד, ר' יודא וואָלף דער שוהל-שמש, שטעהט און וויינט מיט ביטערע טרעהרען.–וואָס וויינט איהר ר' יודא וואָלף–פרעג איך איהם. זעהסט–זאָגט ער און דערביי ווייזט ער מיר אָן אויף דער נייע-געבויטער שוהל–אָט האָט מען מיט גרויס מיה און אנשטרענגונג אויפגעשטעלט אַזאַ שעהנע שוהל, און ס'האַלט דערביי, אַז ס'זאָל חס וחלילה נישט זיין ווער ס'זאָל אין איהר דאַווענען.

אַנ'אַלטע יודענע שטעהט מיט פער-בראָכענע הענד און ציפּט זיך דאָס פּנים ווען איך פרעג זי, וואָס ס'איז געשעהן, ברעכט זי אויס אין אַ יאָמער, פיהרט מיך צו צו איהר חרוב געוואָ-רענעם הויז, וואָס איז מיט אַ פּאַר וואָכען צוריק פערברענט געוואָרען. און שלאָכצענדיג, זאָגט זי: 70 יאהר האָב איך דאָ געוואוינט, איך בין דאָ געבוירען געוואָרען און איצט אויף די עלטערע יאהרען, מוז איך זוכען אַ געלעגער פאַר מיין מידען אַלטען קאָפּ.

טוביה זאַמבעק, ביי וועמען ס'הויז איז אָבגעברענט געוואָרען ביז'ן פונ-דאַמענט, שטעהט מיט אַ טעפּיל און גיסט אויף די רויכענדע שפּענער. ער רעדט גאָרנישט, דאָס האַרץ איז איהם פערשטיינערט. ער ענטפערט אונז קוים אויף אונזערע פראַגען און האַלט אין איין גיסען וואַסער.

מיר זענען סך הכול געווען אין טרוסקאָלאַס קנאַפּע צוויי שעה, נאָר דעם אמת מוז מען מודה זיין, אַז מעהר איז נישט געווען מעגליך אויס-צוהאַלטען. די לופט איז אַ געשטיקטע, די אַטמאָספערע–אַ שווערע און ווען דער קהלה פּרעזעס ראָזענבערג האָט ביים געזעגענען זיך דיסקרעט געגעבען אַביסעל נעלד איטליכע פון די אומגליקליכע נשרפים, האָבען זיי נע-וואָלט קושען די האַנד און ביים קהלה פּרעזעס האָבען זיך בעוויזען טרעהרען אין די אויגען. מיר, צוקוקענדיג די סצענע, זענען שטאַרק גערי‍הרט גע-וואָרען און אויך מיר האָבען געמוזט אויסווישען די אויגען. ערשט ווען מיר זענען אַרויסגעפאָהרען פון שטעדטיל און איינגעזאַפּט די לופט פון נאָהנטען וואַלד, האָבען מיר פרייער אָבגעאָטעמט.

מען האַלט, אַז די יודען, וועלכע ענטלויפען פון די ערטער, וואָס זענען בעדראָהט פון כוליגאַנישען אַנטיסעמי-טיזם, זענען פערברעכער, פעררעטער. ס'זאָגט זיך יעגעם זעהר לייכט מוסר. איך האַלט, אַז אויב ס'טרעפען זיך נאָך יודען, וואָס קענען נאָך דעם הפקר'דיגען טעראָר נאָך בלייבען איין טאָג אין אַזאַ אָרט, ווי טרוסקאָלאַס, זענען זיי העלדען, אמת'ע יודישע העלדען.

מאַכען אַ סוף צו דעם ווילדען זאָאָ-לאָגישען אַנטיסעמיטיזם וואָלט געווען די איינציגע רעטונג, ווייל אַזוי ווי ס'איז איצט, איז אַ חרפּה, אַ דערנידע-רונג פאַר'ן נאָמען מענש.

ש. פראַנק.

וועגן די טרעגער-פוהרער און האנד-ווענג-לער אין נייעם מארק.

די אבצאהלונגען פאר בויזען און סטראגאנעס וועלען פערקלע-נערט ווערען.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן ענדערן דעם נייעם מארק זענען די לעצטע טעג פון דארט בעזייטיגט געווארן די טרעגער-פוהרער און האנדוועגעלעך. היות ווי דאס איז נוגע מעהרערע יודישע פאמי-ליעס, וועלכע קענען אזוי-ארום פערלי-רען זייערע פרנסות, האט פרעזעס ראזענבערג אויף דער ביטע פון די טרעגערס און פורמאנעס אינטערוועניר וועגען דעם אין מאגיסטראט. די פראגע וועגען די האנד-וועגעלעך איז גלייך פאזיטיוו ערלעדיגט געווארן, אזוי אז אלע קענען ווייטער שטעהן אין נייעם מארק. בנוגע ווידער די וואגענס, וועט דער ענין דעצידירט ווערען אין די נאהנטסטע טעג.

פרעזעס ראזענבערג האט זיך גלייכ-צייטיג אינפארמירט וועגען מעמאריאל, וועלכער איז מיט עטליכע חדשים צו-ריק אריינגעטראגען געווארן אין מא-גיסטראט דורכ'ן קליינהענדלער-פעראיין (ווארשאווער 21), אין וועלכען די מארק-שטעהער, וועלכע האבען זייערע בוידען און סטראגאנעס אויפ'ן נארוטאוויטש-מארק און אנדערע גאסען האבען געבע-טען צוליב'ן יעצטיגען שווערען קריזיס און שוואכען האנדעל, צו פערקלענערן דעם מאגיסטראט-אבצאהל.

דערויף האט פרעזעס ראזענבערג בעקומען אנ'ענטפער, אז דער דאזיגער ענין איז לעצטענס בעהאנדעלט געווא-רען אויף א זיצונג פון דער שטאדט-פערוואלטונג, וועלכע האט זיך צו איהם גינסטיג בעצויגען און איז דער נאהנ-סטער צייט וועט פעסטגעשטעלט ווע-רען אויף וויפיעל די אבצאהלונגען זאלען פערקלענערט ווערען.

די רעוויזיאניסטען, יודענשטאטלער און קאמבאטאנטען פראטעסטירען געגען די ארץ-ישראל-געשעהענישען.

דינסטאג אין אווענד איז אין לאקאל פון קאמבאטאנטען-פעראיין (אלעע 16) פארגעקומען א גרעסערע פערזאמלונג פון פעראייניגטען נאציאנאל-ציוניסטישען בלאק צו די קהלה-וואהלען אין טשענ-סטאכאו. די פערזאמלונג עפענט פרע-זעס ה' ש. ניעמיראווסקי און ערקלערט: איידער מיר טרעטען צו צו די אקטועלע פראגען וועגען די קהלה וואהלען, מוזען מיר פריהער אויסדריקען אונזער שארפ-סטען פראטעסט געגען די ארץ-ישראל-געשעהענישען.

דער רעדנער זאגט ווייטער, אז פאר די רעוויזיאניסטען איז דער פראטעסט נישט קיין נייעס; אויך די ארץ ישראל-געשעהענישען זענען פאר זיי נישט קיין סיורפריז. די רעוויזיאניסטען פרא-טעסטירען געגען ענגלאנד און איהר העסליכער פאליטיק לגבי דעם יודישען פאלק שוין פיעל, פיעל יאהרען. ווען די רעוויזיאניסטען האבען פראטעסטירט און געשריבען פעטיציעס צו די מלוכות פון דער גאנצער וועלט, האבען די ציונים, וועלכע שטעהען היינט ביים רודער, אלעמען אויסגעלאכט; זיי האבען פערשריגען די רעוויזיאניסטען, ווען פרעזידענט זשאבאטינסקי האט פאראויס-געזאגט, אז מען בויט א הויז אהן א פונדאמענט און האט געווארענט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, אז זי זאל אויפהערען זיך ביקען פאר דער ענגלי-שער רעגירונג און אננעמען אנ'אמת'ע, אויפריכטיגע און שטאלצע שטעלונג. ווען די רעוויזיאניסטען האבען געווא-רענט, אז אין ארץ-ישאל מוז מען שא-פען א מעכטיגע זעלבסט-שוץ, א יודי-שען לעגיאן, ווייל די יודען קענען נישט און טארען נישט אנפערטרויען דאס לעבען און האב און גוטס די אראבער אדער ענגלאנד, דאן האט מען אלעמען ווידער פערשריגען פאר פאשיסטען. אבער יעצט שרייען שוין אלע און אלע פאדערן שוין איינצופיהרען אין לעבען דעם גאנצען רעוויזיאניסטישען פרא-גראם. יעצט איז שוין דאס גאנצע יודענטום געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער רעוויזיאניסטישער פרא-גראם איז דער הויפט-פונדאמענט פון א יודיש מעכטיג לאנד אין ארץ-ישראל.

ה' ניעמיראווסקי זאגט ווייטער: מיר רעוויזיאניסטען ווילען זיך היינט נישט אברעכענען מיט אונזערע פאליטישע געגנער; נישט היינט איז דערויף די צייט. ארץ-ישראל דראהט א קאטא-סטראפע און דעריבער מוז זיך דאס גאנצע יודישע פאלק פעראייניגען צום קאמף פאר די רעכט פון דעם יודישען פאלק און פאר דער אויפבוי פון א גרויס ארץ-ישראל. מיר רעוויזיאניסטען שטעלען אוועק אלע אונזערע דעפע-רענצען און אברעכנונגען לגבי אונזערע פאליטישע געגנער און שליסען זיך אן אין גרויסען פראטעסט, אין דעם גרוי-סען וועה געשריי פון גאנצען יודישען פאלק. מיר פראטעסטירען אמשארפסטען געגען דער ענגלישער רעגירונג, פאר איהר שענדליכער און העסליכער שטע-לונג לגבי דעם יודישען פאלק און פאר'ן טאלערירען און דערמיט אויך מיטהעלפען די אראבישע באנדעס צו די מערדערליכע טהאטען בנוגע דעם ישוב. מיר רעוויזיאניסטען ערקלערען פייערליך, אז אונזער גערעכטען קאמף וועלען מיר נישט אויפגעבען, ביז ארץ-ישראל וועט אויפגעבויט ווערען אלס א גרויס און מעכטיג יודיש לאנד.

אין זעלבען זין בנוגע ארץ-ישראל און דער מאנדאטאר-מאכט האבען זיך ארויסגעזאגט דער פרעזעס פון די יודענשטאטלער ה' מיכאל רוזשעוויטש און דער פרעזעס פון די קאמבאטאנטען ד"ר דוד טארבעטשקא.

די געהעריגע רעזאלוציעס זענען דורך אלע אנוועזענדע איינשטימיג אנ-גענומען געווארן.

Szkoła Koedukacyjna i Przedszkole
im. Zofji Wajnsztokówny
II-ga Aleja 20. Telefon 10-78.
przyjmuje zapisy uczniów i uczenic do wszystkich klas oraz do przedszkola (dzieci od lat trzech).
Kancelarja czynna codziennie od 10—12 i od 4—6 pp
Dla niezamożnych ulgi w opłacie.

פון דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג.

די מיטגלידער פון אלע רעוויזיאניס-טישע גרופירונגען מוזען דורכאויס שבת 4 א זייגער נאכמיטאג זיין אנוועזענד אויפ'ן וואהל-מיטינג אין לאקאל פון קאמבאטאנטען פעראיין. נאכ'ן מיטינג וועט פארקומען א פערזאמלונג פון ברית הצה"ר.

אלע מיטגלידער פון דער רעוויזיא-ניסטישער בעוועגונג מוזען ווי אמשנעל-סטען אויסקויפען דעם ציוניסטישען בירגער-פאס „אגרת אזרח ציוני" אין געגענטייל וועלען זיי סוספענדירט ווע-רען פון דער בעוועגונג.

פון „אחדות ישראל".

שבת, פ' תצא 3 נאכמיטאג וועט פראפ. דוב וויינבערג רעפערירען א.ד.ט. „תעודת אחדות ישראל ומגמתה בשעה זו". חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען אנוועזענד צו זיין.

פון נאציאנאל-ציוניסטישען בלאק.

שבת, דעם 29-טען ד.ח. 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון קאמבאטאנטען-פעראיין (אלעע 16) א גרויסער מאסען-מיטינג געווידמעט די וואהלען צו דער קהלה. עס וועלען רע-פערירען איבער די ציעלען און אויפגא-בען פון דער קהלה די ה"ה: פרעזעס ניעמיראווסקי, פראפ. וויינבערג, אינזש. פייגין, מ. רוזשעוויטש, ד"ר טארבעטש-קא, מ. כראפארט א.א.

פון דער יודענשטאטס-פארטיי.

אלע חברים ווערען אויפגעפאדערט צו קומען שבת אויף דעם וואהל-מיטינג אין קאמבאטאנטען-פעראיין.

פון ברית החיל.

שבת 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון קאמבאטאנטען-פעראיין א זביורקע, אויף וועלכער אלע מוזען דורכאויס זיין אנוועזענד.

פון קאמבאטאנטען-פעראיין.

שבת 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל א אויסער-געוועהנליכע חברים-פערזאמלונג. אויפ'ן טאג-ארדנונג זעהר וויכטיגע ענינים.

פון געריכט.

דער נאטשעלניק פון שטאדטישען געריכט, ריכטער טרזשטשינסקי איז צוריקגעקומען פון זיין אורלויב און איבערגענומען זיין אמט.

פון „מזרחי"

עס ווערט געמעלדעט, אז מארגען שבת פ' תצא 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, אלעע 10, א גרויסע מאסען-פערזאמלונג וועגען די קהלה-וואהלען אויף וועלכער עס וועלען רעדען ה"ה: שמואל גאלדשטיין, אליעזר קאנסענס, אברהם טשענסטאכאווסקי און אנדערע.

חברים און סימפאטיקער און אלע רעליגיעזע און נאציאנאלע יודען דאר-פען אומבעדינגט זיין אנוועזענד און זיך בעקענען מיט די ציעלען און אויפגא-בען וואס דער „מזרחי" האט אין דער קהלה—.

י.ס.א.פ. „פועלי-ציון" (צ. ס.)

שבת, דעם 29 טען ד. ח. 11 פריה, קומט פאר אין פארטיי-לאקאל, נייער מארק 2, א מאסובקע פון „פרייהייט" און יוגענד-קרייז.

איבער די קהלה-וואהלען רעפערירט ח' לייביש.

שבת 4 נאכמ. קומט פאר אין מכבי-זאל א גרויסע פאלקס-פערזאמלונג א.ד.ט. „פועלי ציון און די קהלה", רעפע-רירען וועלען די ח"ח: ד"ר שאפער, י. שטרויס, דוד וואטענבערג א. א.

פער'משפט דעם רעדאקטאר פון דער „גאזעטא נאראדאווא".

אין היגען קרייז-געריכט איז פארגע-קומען א פראצעס געגען דעם רעדאק-טאר פון דער „גאזעטא נאראדאווא" פראנטשישעק פיאנטקאווסקי, פאר דרו-קען אנ'ארטיקעל, אין וועלכען עס איז בעליידיגט געווארן דער וויעלונער סטאראסטא ניזשאנקאווסקי.

דעם פראצעס האט בעטראכט ריכ-טער נאקאניעטשני, פערטיידיגער—אדוו. זאוואדזקי. דאס געריכט האט אנערקענט פיאנטקאווסקי'ס שולד פאר דערוויזען און איהם פער'משפט אויף 2 חדשים ארעסט און 100 זל. געלד-שטראף.

טראגישער פארפאל אין א פאבריק.

אין דער כעמישער פאבריק „רענ-דושין" אין רודניק איז פארגעקומען אנ'אומגליקליכער פארפאל מיט'ן ארביי-טער סטאניסלאוו אורבאנסקי. בעת דער לעצטער האט מיט א שפאדעל אריינגע-שיט אין זעק א כעמישען פראדוקט, האט ער מיט דער שארף פון שפאדעל אדורכגעהאקט די האנד פון זיין חבר פראנטשישעק קאפיצא, וועלכער האט געארבייט אין שכנות פון איהם. דער אומגליקליכער איז מיט אנ'אדורכגעלע-כערטער האנד איבערגעפיהרט געווארן אין שפיטאל אריין.

וואיעוואדא דזיאדאש געמאכט אנ'-אינספעקציע אין סטאראסטווא און שטייער-אמט.

זונטאג האט אין אונזער שטאדט געוויילט דער קעלצער וואיעוואדא, דר. דזיאדאש, וועלכער האט פערטרעטען די רעגירונג, בעת די ערשטע פייערליכקיי-טען פון ביסקופען-סינאד. מאנטאג, 8 א זייגער פריה האט דר. דזיאדאש געמאכט אנ'אינספעקציע אין דער סטאראסטווא, וואו ער האט קאנטראלירט צי די בע-אמטע קומען פונקטליך צו דער ארבייט. גלייך דערנאך האט דער וואיעוואדא אנ'ענליכע קאנטראלע אדורכגעפיהרט אין די ביורא'ס פון שטייער-אמט.

דער וואיעוואדא האט נאך פער-ברענגט ביז 10 פריה אין דער סטא-ראסטווא, וואו ער האט אדורכגעפיהרט אנ'אינספעקציע, און דאן איז ער אוועק-געפאהרען נאך בענדין אויף א קאנפע-רענץ וועגען ארבייטס-פאנד.

פלענאר-סינאד פון אלע פוילישע ביסקופען אויף דער יאסנא-גורא.

אויף דער יאסנא-גורא איז פאר-געקומען דער פלענאר-סינאד פון אלע פוילישע ביסקופען, אין וועלכען עס האבען זיך בעטייליגט 3 קארדינאלען, 6 ארציביסקופען, 43 ביסקופען און א גרויסע צאהל אנדערע קאטוילישע גייסטליכע. צום צוזאמענפאהר איז אויך געקומען דער שליח פון פויפסט, קאר-דינאל מארמאגגי. לכבוד דעם צוזאמענ-פאהר איז די שטאדט דעקארירט גע-ווארען מיט נאציאנאלע און פויפסטליכע פעהנער.

די בעראטונגען פון סינאד האבען געדויערט 2 טעג.

12 אלע נאציאנאלע יודען שטימען אויף דער איינציגער ציוניסטי-שער ליסטע נומער

אנ'אוצר פאר'ן לעזער פון גוטען בוך.

אויף אלעע 20 איז געעפענט געווא-רען איינע פון די בעסטע און פאפו-לערסטע ביבליאטעקען א. נ. „קולטור" ביים צענטראל ראט פון די פראפעסיא-נעלע פעראיינען.

די ביבליאטעק בעזיצט 15000 בענדער א חוץ א ספעציעלע אבטיילונג פאר קינדער און שול-יוגענד. כדי צו ערמעג-ליכען די ברייטסטע שיכטען צו געניסען פון דעם אוצר, ווערט נישט גענומען קיין קויציע און דער אבצאהל איז א מינימאלער: פאר דערוואקסענע 75 גר., קינדער און יוגענד 50 גר. פאר מיט-גלידער פון פראפ. פעראיינען הנחות. די ביבליאטעק איז טעטיג יעדען טאג א חוץ יום-סוב און זונטאג פון 11 ביז 1 און פון האלב 5 ביז האלב 9 אווענד.

טעאטער = נאטיצען.

רחל האלצער און קורט קאטש אין דער 5-אקטיגער פיעסע „דאס קינד", פון שענער. — רעזשי: ד"ר. מ. ווייכערט.

א יונגער, זעהר פעהיגער דאקטאר ארבייט אומערמידליך איינינע יאהר איבער א מעדיציניש-וויסענשאפטליך ווערק, אין וועלכען ער בעמיהט זיך צו בעווייזען אויפ'ן סמך פון סטאטיס-טישע ציפערן און פראקטישע אבסער-וואציעס, אז דער גרעסטער פראצענט טובערקולאז-קראנקע איז א ירושה-זאך, א רעזולטאט פון א קראנקען פא-טער אדער מוטער. ער קומט דעריבער צום אויספיהר, אז ס'איז א גרויס פער-ברעך פון די קראנקע עלטערן צו ברענ-גען אויף דער וועלט קינדער, וועלכע פייניגען זיך נאר זייער גאנץ לעבען. אזעלכע דארפען און טארען בכלל נישט חתונה האבען און אויב שוין יא, דארף דאס נאך-נישט געבוירענע קינד דער-שטיקט ווערען אין דער מוטערס טראכט.

נאך לענגערע אבסערוואציעס איבער זיך אליין ווערט דער יונגער געלעהר-טער געוואויר, אז ער זעלבסט איז אויך אנגעשטעקט מיט טובערקולאז און זיין מוטער, וועלכע איז יונגערהייט אוועק פון דער וועלט, איז טאקי גע-שטארבען פון דער דאזיגער שרעקלי-כער קראנקהייט.

און דא הויבט זיך אן זיין פערזענ-ליכע טראגעדיע.

זיין יונגע, רייצענדע פרוי, וועלכע איז פון איהם שוואנגער — געוואויר ווערענדיג וועגען דעם סוד—וויל אבסאלוט נישט וויסען פון די אלע וויסענשאפטליכע דיאגנאזען, זי לאכט זיך אויס פון דעם אלעם און פרעהט זיך מיט'ן געדאנק, אז זי וועט געבוירען א זוהן, וועלכען זי וועט מיט'ן כוח פון איהר הייסער מו-טער-ליעבע ערציהען אלס א שעהנעם, געזונטען בוים, וואס וועט זיך צוּוואק-סען און בליהען...

ס'קומט פאר ביים געלעהרטען א שווערער, אינערליכער קאמף צווישען מענש, פאטער און דאקטאר. עס זיעגט אין איהם דער דאקטאר, וועל-כער הייסט איהם אומברענגען זיין איי-גען קינד אין דער מוטער'ס טראכט — און ער פיהרט דאס טאקי אויס.

אין א צייט ארום, ווען די ארבייט איבער זיין לעבענס-ווערק איז שוין פערענדיגט, ווען זיין רוהם דערגרייכט די העכסטע שטופע — געלונגט זיין פרוי, אדאנק איהר רייצענדער שעהנ-הייט, ווידער איהם צו פאנגען אין איהר נעץ. ער ווערט ווי פער'שיכור'ט פון איהר ווייבליכקייט און — ס'גע-שעהט נאך אמאל... דער דאקטאר, מורא האבענדיג פאר ווייטערן געשלעכטלי-כען צוזאמענלעבען, האלט, אז ער גע-הער שוין נישט צו די לעבעדיגע און מיט עטליכע טראפען ציאנקאלי מאכט ער א סוף צו זיין יונג לעבען. זיין פרוי, וועלכע איז צום צווייטען מאל שוואנגער, נעמט רוהיג און דעצידירט אויף זיין טויט, זייענדיג גליקליך, וואס זי וועט געבוירען א קינד.

אויף אזא אופן זיעגט די לעבעדיגע ווירקליכקייט איבער דער מעדיצין, עס טריומפירט די מוטער-ליעבע איבער דער וויסענשאפט...

* * *

ווער עס זאגט, אז יודיש טעאטער, אדער טעאטער אויף יודיש, האט נאך נישט דערגרייכט די קינסטלערישע הויך פון אנ'אנדער טעאטער ביי די אומות העולם — האט נעדארפט קומען א'ן זעהען די אויבענדערמאנטע פיעסע אין דער פרעכטיגער אויספיהרונג פון רחל האלצער און קורט קאטש, און יעדער ספק בנוגע דעם דאזיגען וואלט פער-שווינדען אהן שפור. פיעל מענשען צווייפלען, ווי אזוי קען געמאלט זיין, אז צוויי ארטיסטען זאלען שפילען און אויספולען א פיעסע? דאס האבען אונז טאקי בעוויזען די צוויי סטארען, וועל-כע האבען געהאלטען דעם עולם אין דער גרעסטער שפאנונג פון אנהויב ביז'ן סוף. דאס אויג האט זיך געקוויקט און די פנימ'ער זענען געווען צושטראלט פון דעם ים נענוס, זעהענדיג דאס רע-אליסטישע שפילען פון די צוויי ווירטו-אזען רחל האלצער און קורט קאטש.

רחל האלצער אלס פרוי פון דאק-טאר, הן אויסערליך מיט איהר שעה-נער, גראציעזער פרעזענץ, הן מיט איהר חן און סובטעל שפילען — האט פולשטענדיג, מאקסימאל איבערגעגעבען דעם ענטשפרעכענדען טיפ פון א ליע-בענדע פרוי און הייסע מוטער-נעפיהל. זי האט זיך ארויסגעוויזען אלס אנ'ערשט-קלאסיגע ארטיסטין מיט א וואונדערבא-רער דיקציע, וואס וועט נאך דער יו-דישער ביהנע זעהר פיעל לייסטען. יעדעס ווארט פון איהר קלינגענדער שטימע, יעדע בעוועגונג איהרע, יעדער ניואנס — האט געהויכט מיט קינסטלע-רישען אטעם. אין געוויסע מאמענטען האט רחל האלצער זאגאר זיך אליין איבערגעשטיגען.

קורט קאטש האט פערקערפערט דעם אמת'ן טיפ פון אנ'אידעאלען דאקטאר, וויסענשאפטלער און מאן. דער דאזי-גער געניאלער ארטיסט האט די דריי מאמענטען אזוי הערליך איבערגעגעבען, אלץ האט ביי איהם אזוי הארמאנירט, אז דער צושויער איז פשוט מיטגעריסען געווארען פון זיין שפילען. די כא-ראקטעריזאציע אינ'ם דריטען אקט, די טראפען שוויס. וואס זענען איהם גע-רינען פון די שלייפען בעת'ן גערא-נגעל און אינערליכען קאמף צווישען פאטער, מענש און דאקטאר; זיינע אוי-גען, זיין פריי און לייכט שפילען, זיין היסען — האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי אויף דער ביהנע געפונט זיך נישט קיין ארטיסט, נאר אנ'אמת'ער טובער-קולאז-קראנקער פון לעצטען סטאדיום...

סיי די רעזשי פון דר. מ. ווייכערט, וואס איז געווען קענטיג פון יעדער סיטואציע, סיי דאס צוזאמענשפילען פון די צוויי קינסטלער — האט אלע-מען געמאכט אנ'אנגענעהמע איבער-ראשונג.

מ. קויפמאן.

Magister praw Józef Sandzer

Tłumacz przysięgły

języków hebrajskiego i żydowskiego

Częstochowa, I-a Aleja 11, telef. 22-36.

אַנ׳אַלטע פאַבריק ליקווידירט זיך.

ווי מיר דערוויסען זיך, ווערט ליק־ווידירט די בעקאַנטע פאַבריק „סעוועריין לאַנדוי" (וואַשינגטאָנא 14), וועלכע איז איינע פון די עלטסטע פאַבריקען פון דער צעלולאָיד־בראַנזשע אין פוילען. די דאָזיגע פאַבריק, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען מיט 50 יאָהר צוריק, איז געווען די גרעסטע פון דעם מין אין טשענסטאָכאָוו און איז געווען בעקאַנט פון איהרע אויסאַרבייטונגען אין גאַנץ רוסלאַנד.

נאָך דער מלחמה האָט די פאַבריק גענומען צו ביסלעך איינשרומפען און לעצטענס זענען דאָרט געווען בעשעפטיגט נישט מעהר ווי 28 אַרבייטער. צוליב דער שלעכטער עקאָנאָמישער קאָניונקטור האָבען איצט די אייגענטימער בעשלאָסען די פאַבריק גענצליך צו ליקווידירען און די פאַבריקס־בנינים איבערצובויען אויף וואוין־דירות.

פון נאַציאָנאַל - ציוניסטישען בלאָק.

דער פאַראייניגטער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער בלאָק, וועלכער בעשטעהט פון ציוניסטען - רעוויזיאָניסטען, יודענשטאַטס־פּאַרטיי און קאָמבאַטאַנטען האָט צו די קהלה־וואַהלען בעקומען דעם נומער 12. אויף די ערשטע ערטער פיגורירען די ה"ה: ש. ניעמיראָווסקי, איגוש. פיינין און דר. טאַרבעטשקאָ.

שבת דעם 22־טען ד. ח. איז אין לאָקאַל פון בית"ר פאָרגעקומען א גרעסערע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון אלע רעוויזיאָניסטישע גרופּירונגען, ווי אויך פון די עלטערן פון די בית"רים. נאָכדעם ווי עס זענען מיט רעפעראַטען ארויסגעטרעטען אייניגע רעדנער, אַנווייזענדיג די ציעלען און אויפגאַבען פון דער קהלה און דערביי איז אויך אויפגעקלערט געוואָרען, אַז דער פאַראייניגטער ציוניסטישער בלאָק איז נישט צושטאַנד געקומען צוליעב דער שולד פון דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז איינשטימיג בעשלאָסען געוואָרען צו שטיצען דעם איינציגען נאַציאָנאַל־ציוניסטישען בלאָק נומער 12, אויף וועלכען עס קאַנדידירט דער בעקאַנטער כלל־טוהער און פרעזעס פון דער ציוניסטיש רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע ה׳ שמואל ניעמיראָווסקי.

מעלדונג פון „בעלי מלאכה דתיים"

פאַרגאַנגענעם שבת איז, לכבוד דעם אָפּפאָהר נאָך ארץ־ישראל פון אונזער געזו. יו"ר פנחס מיכאַלאָוויץ. פאָרגעקומען א פייערליכער קידוש, אויף וועלכען עס זענען א חוץ כמעט אלע חברים אויך געווען דבר וצד און סתם געבעטענע געסט. צום שלוש סעודות איז פאָרגעקומען א פייערליכער עונג שבת און אָבשידס־באַנקעט לכבוד דעם אויבענדערמאָנטען חבר.

גלייכצייטיג איז אויך פאָרגעקומען אינ׳ם דערנעבען פרויען־אַבטיילונג „ברורי" א צווייטער טייל באַנקעט פאַר די דורך אונז אָפּפאָהרענדע חברה שיינדל אופנער, וואָס איז אויך גלייכצייטיג א מיטגליד אין „בע"מ דתיים", מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען אין נאָמען פון אונזער סניף יו"ר ח׳ טשענסטאָכאָווסקי אברהם, מורשה לקרן עלי׳ ח׳ פיגלאַרזש מרדכי און ח׳ יאַקובאָוויץ, פון „מזרחי" ח׳ שמואל גאָלדשטיין, פון „תתו"ע" ח׳ דאַנציגער און חבר חיים ארי׳ יונגסטער.

צום סוף האָט געענטפערט מיט א קורצען אָבער זעהר איינדרוקספולען רעפעראַט דער ח׳ מיכאַלאָוויץ, וועלכער האָט אלעמען געזעגענט האַרציג, דערמאָנענדיג אונזערע אויפגאַבען דאָ אין גלות, כדי צו קענען מיט געמיינזאַמע כחות ערייכען אונזער שטרעבונג.

חעגען לאָזען אין בעטריעב די גלאָז־הוטע „פאָולינאַ".

שוין מיט א צייט צוריק זענען פאַרשפּרייט געוואָרען קלאַנגען, אַז אין קורצען זאָל געלאָזט ווערען אין בעטריעב די גלאָז הוטע „פאָולינאַ" אין וויטשערפ. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט זיך אַפילו געהאַט בעוויזען אין דער פּרעסע א ידיעה, אַז דער אַרבייטס־פאָנד האָט בעשלאָסען צו ערטיילען א בעדייטענדע הלוואה אויף דעם צוועק.

דער ענין האָט זיך אָבער צוליב אומבעקאַנטע סיבות פאַרשלעפּט, ארויסרופענדיג ענטוישונג ביי דער בעפעלקערונג פון וויטשערפ, וועלכע האָט ערוואַרט צו בעקומען בעשעפטיגונג אין דער פאַבריק. א גרופּע וויטשערפּער איינוואוינער האָט זיך דעריבער נעכטען פאַרזאַמעלט פאַר דער סטאַראָסטווא, שיקענדיג צום סטאַראָסטא א דעלעגאַציע, וועלכע האָט געשילדערט די שווערע לאַגע פון די וויטשערפּער אַרבייטסלאָזע און געבעטען די הוטע צו לאָזען אין גאַנג.

דער סטאַראָסטא האָט די דעלעגאַטען פאַרשפּראָכען אַנצונעמען געהעריגע שריט, אַז די פאַבריק זאָל וואָס שנעלער געלאָזט ווערען אין גאַנג.

פּילגרים־אויספלוגען אין טשענסטאָכאָוו.

אין משך פון דער לעצטער וואָך זענען נאָך טשענסטאָכאָוו אָנגעקומען מעהרערע טויזענטער פּילגרימען. די גרעסטע פּילגרים אויספלוגען זענען אָנגעקומען פון פאָלגענדע שטעדט: אָטוואָצק — 1200 פּערזאָן, ביאַלא פּאָדלאַסקא — 900, ווילנא — 240, קלעמבאָוו — 771, סקערניעוויץ — 400, ראַדאָם — 1485, פּיעטרקאָוו — 980, מילאַנוועק — 760, בעלזשעץ — 1500, זאַמאָשטש — 1500, קאַלוואַריא זעברזשידאָווסקא — 600, וואַרשא — 1486, כאָמאָוו — 438 און זשיראַרדאָוו — 627 פּערזאָן.

בעשטראָפט פאַר אַדורכפיהרען אַ נישט־ערלויבטע אָפּעראַציע.

אין קרייז־געריכט איז פאָרגעקומען א פּראָצעס געגען דער אַקושערקע יוזעפא סאַבאַלעווסקא, וועלכע איז געווען בעשולדיגט, אַז אין סעפּטעמבער 1935 האָט זי אַדורכגעפיהרט א נישט דערלויבטע אָבאָרט אָפּעראַציע א געוויסער יאַנינא וו.

דאָס געריכט האָט די בעשולדיגטע פאַרמשפט אויף 1 יאָהר תפיסה.

אומבעקאַנטער שטאַרבט פּלוצלינג אין גאַס.

דעם 27 ד. ח. פּאַרטאָגס איז פאַר׳ן הויז 3 טע אַלעע 71 פּלוצלינג געפאַלען אין חלשות אַנ׳אומבעקאַנטער מאַנסביל. דעם פאַר׳חלש׳טען האָט מען גלייך איבערגעפיהרט אין שפּיטאַל, וואו ער איז געשטאָרבען, נישט קומענדיג צום בעוואוסטזיין.

מען איז זיך משער, אַז דער אומבעקאַנטער איז געקומען נאָך טשענסטאָכאָוו מיט א פּילגרים אויספלוג, וואַרשיינליך פון קעלץ.

צווישען שותפים.

מ. וויינשטאָק (אַלעע 32) האָט געמאָלדען דער פּאָליציי, אַז זיין שותף באַלעסלאַוו קאָלאַדזיעיטשיק האָט ארויסגעפיהרט פון זייער פאַבריק אויף מיראָווסקא 34 פערשידענע מאַשינען און איינריכטונגען אין דער ווערט פון 5 טויזענד זל.

די נאַציאָנאַל - רעליגיעזע יודען, וועלכע זענען אָנגעשלאָסען אין דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע שטימען פאַר דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער ליסטע — נומער **12** **12**

Dr H FALK

איז צוריקגעקומען

ספעצ. פון אויערן, האַלז און נאָז

2־טע אַלעע 37 №

טעלעפאָן 16-15

נעמט אָן פון 8—10.30, פון 3—4.30 און 8—7

Dr. med.

M. Kohn-Szajnowa

chor. kobiece i akuszerja

POWRÓCIŁA

przyjmuje od 9—10 r. i od 3—6 p. p.

Aleja Wolności 3/5

tel. 18-26.

טשענסטאָכאָווער כוליגאַן אַלס אינסטרוקטאָר ביי די ענדעקעס אין וויעלון.

פרייטאג אָווענד האָבען ענדעקישע לאַבוזעס פאַרטשעפּעט אין שטאָדט־פּאַרק יודישע דורכגעהער און עטליכע פון זיי צושלאָגען, אַזוי אַז עס האָט ארויסגערופען א מהומה צווישען די יודישע שפּאַצירענדע.

ווי מיר דערוויסען זיך, זאָלען די ענדעקעס זיין געוואָרען אונטערגעהעצט דורך א טשענסטאָכאָווער ענדעקישען אינסטרוקטאָר, וועלכער לערנט שוין נישט דאָס ערשטע מאָל די וויעלונער תלמידים ווי צו פּראַקטיצירען מיט שטעקענס און מיט פויסטען אויף יודישע קעפּ, כדי נישט צו בלייבען הינטערשטעליג פון אנדערע שטעדט.

עס פרעגט זיך, פאַרוואָס די פּאָליציי טהוט דעם טשענסטאָכאָווער כוליגאַן נישט אונשעדליך מאַכען דורך איינזעצ׳ן אָדער דורך ארויסטראַנספּאָרטירען פון וויעלון?

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.

אין דער גוט־בעקאַנטער

דרוקעריי פון

ב. באָטשאַן

1 אַלעע 6

טעלעפ. 22-01

ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלערהאַנד דרוק־אַרבייט,

— ווי: —

בריעף־בויגען

קאָפּערטען

פּאָסט־קאַרטען

חתונה־קאַרטען

בראָשורען

קוויטאַר־יושען

אַפישען

פלוג־צעטלען

קלעפּסידרעס

א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראַל.

בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

צושלאָגען געוואָרען.

שלום פּרזשיראַזוסקי (נייער מאַרק 5) האָט געמאָלדען דער פּאָליציי, אַז אויף דער וואַרשאַווער גאַס איז ער בעפאַלען און צושלאָגען געוואָרען דורך א געוויסען שמחה שילדהויז (גאַרנצאַרסקא 20).

את חברנו מר **ישראל טיברג** לנשואיו את **מאַניא יאַקובאָוויטש** מאחלים אנו אותם בברכת מז"ט חמה. יהי רצון שיזכו לבנות את ביתם על הרי ציון וירושלים.

יואל באַראָן, צבי שאַיאָ, יעקב גליקסמאַן, חיים דזיאַבאַ

העןרשיל לאַפּידעס — גאָלדה דאַווידאָוויטש

וויעלון — דזיאַלאָשין

פּערלאָבט.

אונזער שוועסטערן־זוהן **הערשיל לאַפּידעס** צו זיין תנאים מיט פרל. **גאָלדה דאַווידאָוויטש** ווינשען מיר פיעל גליק. די עלטערן — פיעל נחת.

הערשיל וואָלמאַן און פרוי, פייוויש סקרושינא און פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער חבר **משה קרזשעפּיצקי** מיט פרל. **בלימה בעלקא** פון בראַזשעוויץ ווינשען מיר זיי ווי אויך די גאַנצע פאַמיליע א האַרציגען מזל־טוב.

בויט אייער צוקונפט אין גייסט פון אַרבייטענדען ארץ־ישראל.

דער ועד און חברים פון „התאחדות" אין וויעלון.

ברכות מאליפות ואחולים לבביים לחברנו מר **יוסף קאַמיאָנער** לארוסיו את העלמה **יהודית קליין.** יהא רעווא שזיווגכם יעלה יפה ושמש ההצלחה תזרח לכם כל ימי חייכם.

יצחק דוד שפּילברג, אהרן רוזנבלום.

אונזער ג׳ בוכהאַלטער **יוסף קאַמיאָנער** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **יהודית קליינער** ווינשען מיר פיעל גליק.

די פערוואַלטונג פון דער גמילת־חסדים־קאַסע אין וויעלון

Z okazji zaręczyn siostry naszej IDY KLAJNERÓWNY z JOSEFEM KAMIONEREM serdeczne życzenia składają

Morycowie Klajnerowie, Rozentalowie Wieluń.

אונזער קוזין **יאַנקיל לאַסמאַן** ווי אויך די גאַנצע פאַמיליע אין טשענסטאָכאָוו ווינשען מיר א האַרציגען מזל־טוב צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **סאָניא פיינער**

איידיל און רויזע שייקאָוויטש, וויעלון

רוב נחת וחדוה לקרובנו **אליעזר ברקוביץ** ורעיתו מפאת בואה של בתם **אירה** בברית האירושין את מר **הנריק קונגרצקי** מברכים

בער קזשעפּיצקי ורעיתו, יוסף שאיא ורעיתו

דער פאַמיליע בערקאָוויטש צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **אירא** מיט ה׳ **העןריק קאָנגורעצקי** פיעל גליק ווינשען

יעקב שאיא און פרוי, לייביש קזשעפּיצקי און פרוי

אונזער קוזין אליעזר בערקאָוויטש און פרוי ווינשען מיר פיעל גליק צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **אירא** מיט ה׳ **העןריק קאָנגרעצקי** אויס טשענסטאָכאָוו

יאַנקיל אַנקלעוויטש און פרוי, וויעלון

Rodzinie BERKOWICZ z intencji zaręczyn Ich córki p IRY z p. HENRYKIEM KONGRECKIM życzymy wiele szczęścia

Wolmanowię, Skrzynowie.

Z intencji zaręczyn p. IRY BERKOWICZÓWNY z p. HENRYKIEM KONGRECKIM serdeczne życzenia składają

Fajferowie.

Ochrona przy Tow. Dobr. dla Żydów

PRZEMYSŁOWA 6.

ZAPISY dla dzieci nowo-wstępujących odbędą się w poniedziałek 31 lipca, wtorek 1 i środę 2 września od godz. 9—1.

Należy z sobą zabrać metrykę dziecka.

אין דער שפּיץ פון דער טשענסטאָכאָווער קהלה מוזען שטעהן ענערגישע, טיכטיגע, ערליכע און געוויסענהאַפטע טהוער — אַזעלכע געפינען זיך אויף דער ליסטע נר. **11**

KINO „EDEN".

היינט, פרייטאָג

MAZUR

געשטיצט אויף אמת׳ע פאַסירונגען, וואָס האָבען געפונען אַנ׳אָבקלאַנג אין געריכט.

אין דער הויפּט־ראָל

פּאָלאַ נעגרי.

Kino „LUNA"

היינט און ווייטערע טעג

SING SING

א פילם, וואָס ריהרט ביז טרעהרען.

אויסער׳ן פּראָגראַם:

אַקטואַליען פון דער וועלט.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

Filja: Warszawska 37.

ספּעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער בלאָק בעשטעהט פון אמת׳ע ציוניסטען און נישט פון קיין סעזאָן־ציוניסטען! — נומער **12**

אַנ׳אינצידענט אין זאַל פון „מכבי".

דעם פאַרגאַנגענעם שבת־צו־נאַכטס איז פאָרגעקומען אַנ׳אינצידענט אויפ׳ן דאַנסינג פון „מכבי" צווישען אייניגע קריסטליכע יונגעלייט און צווישען אָרדנער פון „מכבי", בעת וועלכען 2 פּערזאָן זענען לייכט צושלאָגען געוואָרען. די קלאַנגען, דאָס די אָנפאַלער האָבען זיך בענוצט מיט געוועהר, שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט.

---

11 וועלט איהר ווייטער האָבען אַלס קהלה־פאָרשטעהער מענשען, וועלכע זאָלען מיט מסירת־נפש שיצען און פערטיידיגען אייערע לעבענס־אינטערעסען, **טאָ שטימט אויף דער ליסטע נומער** **11**